Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

זשעלעכאָווער בולעטין

פערטער יאָרגאַנג נומער 5־6 שיקאַגאָ מאַי־יוני, איר־סיון תשי״ב

VOL. IV, NOS. 5 & 6 MAY-JUNE, 1952. CHICAGO 24, ILLINOIS

יזכור־אלמאָנאך

אונזערע זשעלעכאָווער װאָלטן זיך געפילט באַלײדיקט, אויב מיר װאָלטן װידער און נאָכאַמאָל אָנגעװײזן אויף דער װיכטיקײט פון אָט דעם מאָנומענט פאַר יעדן פון אונז.

און דאָך־ און דאָך האָבן די גרעסטע צאָל אונזערע זשעלעכאָווער גאָרנישט געטאָן ביז איצט צו דערמעגליכן דאָס ארויסגעבן דעם אלמאָנאך װאָס פריער. און כאַראַקטעריסטיש, די גרויסע מערהײט פון די װעלכע האָבן נאָך ביז הײנט גאָרנישט געטאָן, אָדער כמעט גאָרנישט, טײלן זיך אין 2 גרופן, אונזערע נגידים, אונזערע רײכע אין ניו יאָרק, ארגענטינא, ישראל א.א. און אלט באַזעסענע.

כמעט אומעטום האָבן זיך אונזערע זשעלעכאָווער שוין לאנג געקומענע, גאָר װײניק, אָדער אינגאנצן גאָרנישט זיך אינטערעסירט מיט דער אזוי װיכטיקע פאָר אונז אקציע.

דער אלמאָנאך זעצט זיך, א היבשער מאַטעריאַל איז שוין אויסגעזעצט געװאָרן, די קלישן װערן געמאכט (אײנצעלהײטן װעגן אלמאָנאך און װעגן אפרוף אויף אנאנדער אָרט) די ארבעט פארשלינגט אסך צײט און אָנשטרענגונג, עס װעט אָבער אלץ װערט זײן, אויב־אויב מיר אלע װעלן דערמעגליכן דאָס פארענדיקן.

דער אלמאָנאך מוז און האָפנטליך װעט פארענדיקט װערן, דאָס דערלאָזן אָפצושטעלן די ארבעט יעצט, װען נאָך קלײנע אָנשטרענגונגען און מיר װעלן האָבן דערגרײכט אונזער ציל, װאָלט געװען א פארברעכן, מיר װילן האָפן אין דער גוטע פארשטענדעניש פון אונזערע לאנדסלײט, װעלכע האָבן שוין אזויפיל בײגעטראָגן צו אונזערע ארבעטן.

מיר האָבן זיך געװאנדן װעגן א הלװאה װאָס װעט אומגעקערט װערן באלד װי דער אלמאָנאך װעט דערשײנען, אָדער װעט אָפגעצאָלט װערן פאר געדרוקטע אלמאָנאכן, זײער װײניק האָבן זיך אָפגערופן, די צײט איז קורץ, די אקציע מוז זיך א ריר טאָן פאראויס, לענדער װי ארגענטינא, ישראל, פראנקרײך א.א. מוזן זאָגן זײער װאָרט און װאָס פריער אלץ געזונטער.

לאָמיר צום סוף פון אונזערע ארבעטן, װען מיר זײנען אזוי נאָענט צו אונזער ציל, אויסשטרעקן אונזערע הענט און געמײנזאם דערפירן אויך די אונטערנעמונג צו א דערפאָלג.

אינהאלט

שאָלעק אלטמאן / ביכער איבערזיכט 3
יעקב ראָזעמבאנד / שבת, גוי און זונטאָג ייד 7
שלום אָשלאק / מיין ענטפער צו פריינט שאָלעק 9
ברוך דרעזנער / לאָמיר זיך דורכשמועסן 11
שאָלעק אלטמאן / א בליק אף א בליק 12
מרדכי אישטוב ./איניקע באמערקונגען 15
איבערגעדרוקט פון "מאָרגן זשורנאל" 18
פראדל געכט / אונזער פרויען גרופע אין אויסטראל. 20
א.וו. יאסני / באריכט פון ישראל 21
מאניע שארפהארץ/ א בריף 23
לייביש / 10 יאָר זשעלעכאָװער אומקום 25
פעקלעך שפייז, ביכער פאָנד. 26
וואָס. אונזערע פריינט שרייבן 27
לייביש / הארץ צו הארץ ענטפער 32
מתנות פארן בולעטין 39
ארום יזכור אלמאָנאך 40
אבאָנענטן. 43
שמחות אין דער זשעל. משפחה 44
נעקראָלאָג. 49
אדרעסן פון אבאָנענטן 50

דערמיט רעקאמענדירען מיר אלע
גרופען וועלכע ארדענען אויך יזכור
אקאדעמיעס צו באשטימען דעם
דאטום פון שבת אבענד דעם
18-טען אקטאבער כדי אלע זאלען
פארקומען דעם זעלבען אבענד.

זש. ב. קאלעגיום

ביכער איבערזיכט

נאָטיצן פון א לײענער

שאָלעק אלטמאַן   פאנאמא

1) א מלחמה בוך "האַלט צוריק די נאַכט" פון פעט פרענק. אײגנטלאך, איז דאָס ניט א צו גרויסער פאר מעסט צו געבן אונז א בילד פון'דעם גאנצן פראָנט אין קאָרעא, נאָר פון אײן קלײנעם װינקל, פון אײן באשטימטע גרופּע, װאָס האָט באדאָרפט אָפּציען דעם שונאס קרעפטן פון הויפּט פראָנט, כדי געבן די אמעריקאנער סאָלדאטן א געלעגנהײט, צוקריגן פרישע כוחות.

געשריבן איז דאָס בוך לײכט, מענטשלאך, טאָג טעגלאכע רײד און טראכטונגען פארנעמען דעם הויפּט טײל פון בוך.

פאראן אָן א שיעור קלײנינקע מאָמענטן װאָס גיבן אונז א בילד פון דער בארבארישקײט, שגעון, אומזין פון מלחמה.

פעלט אויך ניט יענער טײל פון מענטשלאכער דעגענערירטקײט געשילדערט װי אן אמעריקאנער סאָלדאט פאלט ארײן אין געפאנגענשאפט. מענטשלאכער געפאלנקײט האָט, מאנכעסמאָל, ניט קײן גרענעץ.

זעסט אויך דעם גרויסן ליגן'װאָס װערט באװאוסטזיניק אויסגערעכנט פארשפרײט װעגן מענטשלאכער העלדישקײט אָפן פראָנט.

גרויסע העלדן זײנען אויך מענטשן און אונטערגעװאָרפן כמעט אלע מענטשלאכע שװאכקײטן. קײנער װיל ניט שטארבן, ניט פארן קאָמוניזם און ניט פאר דעמאָקראטיע.

יעדער אײנער טרוימט פון דער הײם, יוגנט, פאמיליע. טרוימט שפּינט פאנטאזיעס פון דער צוקונפט. װי'אנדערשטיק ער װעט זײן, זיך אויפירן. װען אלץ װעט זײן פאריבער...

און א שאָס פון א קאנאָן.. און אלץ װערט אָפּגעװישט. נאָך א מענטשלאך לעבן אויסגעלאָשן אף אײביק.

װיפל צער, אומענטשלאכער, אין די טראכטונגען בשעת דער טויט שטײט פאר די אויגן. ניט פאראן' די העלדישקײט װאָס װערט אזוי ליגנעריש באזונגען פון די פירער אונזערע פון אלע זײטן...

דער מענטש װיל לעבן. װען װעט ער אָבער זיך אויפשטעלן אין זײן גאנצער מאָראלישער גרויס און א סוף מאכן צו אָט דעם װילדן שגעון? װען?....

+++ === +++ === +++ === +++

2) שלום אש אין זײן בוך "מערי", האָט מיך פשוט אויפגערעגט. פאראן מײנונגען, אפשר טײלװײז בארעכטיקטע אז קונסט איז עפּעס װאָס שטײט העכער פון'סאָציאלן לעבן. דער קינסטלער האָט א רעכט זעען געשײענישן, פאקטן, ניט װי זײ זײנען אין דער אמתן, נאָר, װי ער דער שאפער װיל'זײ זעען. ער װיל, ער מוז צופּאסן האנדלונגען צו דער גאנצן זײן געװעב. נו, האָט דאָ שלום אש אונז באװיזן װי אזוי די דאָזיקע טעאָריע, פונקט װי פיל אנדערע װערן דערפירט צו עקסטרעמען, װערט אן'אבסורד.

ש.א. איז א גרויסער מײסטער. װעגן דעם קאָן מען ניט רײדן אָדער פּרובירן אָפּלײקענען. ער האָט די גבורה אָנצוטאָן אין בלוט און פלײש זײנע העלדן. איר אָטעמט מיט, לעבט מיט אין דער געשילדערטער סביבה.

פאראן אזויפיל שטײגער לעבן פון ײדישע פאמיליעס פון יענער צײט װען יעזוס איז געװאָרן טעטיק און געפרײדיקט זײנע אידײען, אז איר געפונט דאָס ניט אין קײן שום געשיכטע בוך. אָבער, אז א ײדישער מענטש, א שרײבער זאָל גלויבן אז מערי האָט געבוירן יעזוסן און געבליבן א בתולה, א אידיאָטסטװע װאָס אפילו גלויביקע קאטאָליקן גלויבן ניט, איז דאָס עפעס װאָס איז שװער פאר אונז צו פארדײען.

יעדער קינסטלער, אמתער שאפער מוז האָבן פולשטענדיקע פרײהײט. ער קאָן ניט און דארף ניט שרײבן כדי עמיצן געפעלן צו װערן. פאראן זײער װײניק גרויסע שאפער װאָס האָבן דערהאלטן זײער גלײכגעװיכט אפילו װען דאָס קונסט װערק איז בײ זײ באשטעלט געװאָרן. מיקל אנזשעלאָ איז געװען אן אויסנאם. אנדערע װערן געשטרויכלט. אָבער, פאראן אזא זאך װי קינסטלערישער אמת, װאָס קאָן ניט געבויט װערן אף גאָלע לעגענדעס. פאר רעליגיע איז דאָס גוט. עס קאָן אנדערש ניט זײן. נעמט אװעק די ניסים, איבערנאטירלאכע געשײענישן פון װעלכער רעליגיע, און װאָס בלײבט איבער?

ניט בלויז רעליגיע, נײערט אירע באשעפער האָבן געמוזט דערהויבן װערן צו איבערנאטירלאכקײטן. די זעלבע לעגענדע װעגן יעזוס געבורט פון א מאמע א בתולה, איז ניט קײן נײעס. איר געפונט עס בײ פלאטאָ. אויך זײן מאמע איז געװען ניט קײן געװײנלאכע פרוי. ארײנעמען דאָס אין א ראָמאן װאָס פרעטענדירט אף היסטאָרישקײט, איז פשוט גערײדט פאלציפיצירן היסטאָרישע געשײענישן.

לײענענדיק דאָס בוך האָב איך געהאט דעם געפיל װי איך האָב שפאצירט אין ניו יאָרקער מוזעאום צװישן רעליגיעז־קריסטלאכע בילדער געמאָלן פון די גרעססטע מײסטער ראפאעל א.א. א פרעמדע, ניט דאָאיקע, װײטע װעלט. אזוי פרעמד אונזער װעלט באנעם, אונזער ספעציעל ײדישן צוגאנג אז א קאלטער װינט האָט אף מיר אװײ געטאָן. אזא אומהײמלאכער געפיל.

פאראן אָן א שיעור היסטאָרישע צעדרײטקײטן, פארקריפלונגען פון יענער צײט ארײנגעפלאָכטן אין ראָמאן צו באװײזן די גרויסקײט פון יעזוס, פון א פערזאָן װעמעס עקזיסטענץ, טעטיקײט איז אײנגעהילט אין לעגענדאריש מיסטישן געװעב, װאָס איז זײער װײט פון היסטאָרישער עקזאקטקײט.

שוין ניט רײדענדיק פון די מאנכע געשילדערטע ײדישע טיפן, דער ארענדאר װאָס װיל ניט ארײנלאָזן א ײדישע פרוי (שװאנגערנדע מערי, װאָס דארף אָט אָט געבוירן דאָס געטלאכע קינד, יעזוס) און נאָך אנדערע טיפן געשילדערט מיט בײזקײט מיטן צװעק צו װײזן דעם קאָנטראסט פון דער געטלאכער פאמיליע און יענע ײדן װאָס גשמיותדיקײט, גראָבע, טאָג טעגלאכע פארלאנגען מאכן זײ געלט גײציק און שלעכט.

װעגן בוך גופא, װי אויך װעגן זײן נײעם בוך "משה" (א מין פארגיטיקונג פאר זײן רײסן זיך צו באװײזן, אז אלע ניסים פון דער קריסטלאכער רעליגיע זײנען היסטאָרישע װירקלאכקײטן) װעט אונז נאָך אויסקומען צו רײדן באריכות..

+++ === +++ === +++

3)אגנעס דע מיל א קוזינע פון בארימטן דע מיל פון האליחאוד חאט אנגעשריבן א פיין, אינטעליגענט רירנד בוך.

עס איז די געשיכטע פון א מיידל, סענסיטיח ביז גאר, חיל חערן א טענצערן. פילט, אז זי האט אין זיך דעם כוח, שפערישן צו דערגרייכן געחיסע חויכן, און אירע פיין, איר דערנער־חעג, א חעג פון אנטוישונג, פיין, הונגער...באמת א חאונדער חי אזוי זי האט ניט צוזאמענגעבראכן.

אליין חי געזאגט, א קוזינע פון רייכן באגאבטן, ענערגישן דערפאלגרייכן דע מיל, האט זי ניט געחאלט אנקומען צו אים, אז ער זאל איר חעלפן דערגרייכן איר קינסטלערישן ציל.

גאט מיינערן חיפל האט די דאזיקע צארטע מיידל געדארפט אויסשטיין ביז זי איז ענדלאך אנערקענט געחארן פון דער קינסטלערישער חעלט.

נאכן איבערלייענען ביכער פון אונזער היינטיק פאליטיש לעבן אנטוישונגען אין רעחאלוציעס, מלחמה אין קארעא, אונזער חירקלאכקייט איז א גייסטיקער טאניק אן אפפרישונג, צו לייענען דע מילס בוך.

דאס בוך איז אזוי פארכאפנד אינטעלעקטועל באלערנד אפילו פאר אונז פשוטע מענטשן חאס חייסן זייער חייניק חעגן טאנץ, אז איר קחיקט זיך מיט יעדן זייטל יעדעס חארט.

קודם כל חערט איר געחאר, אז דערפאלג חאלגערט זיך ניט אין די גאסן. מען דארף שחער ביטער הארעחן. אנטוישונג נאך אנטוישונג חאס קאן דעם שטארקסטן מענטשן צעברעכן. און דאך, פאראן דער גליענדער געטלאכער פונק, פראמעטעוסעס פייער, חאס שטארקט און שמידט אויס דעם געמיטס צושטאנד חי פון שטאל.

אין פנים פון אלע אנטוישונגען, אפזאגן דאס לעבן בארג אראפ טיפער און טיפער אין מענטשלאכן אפגרונט חאו מען קאן שוין מער זיך ניט אויפהויבן, הויבט זיך ארויס דאס קליינע מיידעלע און פליט אין די הימלן. קונסט דערהויבט און באפליגלט.

די קונסט פון טאנץ איז איינע פון די ניט זייער פאפולערע און פון די אמחייניקסט באצאלסטע. אפילו די גרעסטע טענצערינס מיט חעלט נעמען, איסאדארא דאנקאן, אנא פאחלאחא מארטא גרעהם א.א. זיינען קיין מיליאנערטעס ניט געחארן פון זייער קונסט. שטענדיק די פלאגעניש, די זארג צו באצאלן די חובות חאס עס קאסט אפ דורכצופירן א טאנץ פארשטעלונג.

דאס לעבן פון טענצער איז זייער א טרוי-עריקס. און דאך, פאראן פרייד, אומבאשרייבלאכע, אין דערגרייכטע רעזולטאטן. נאך יארן פון פלאגעניש, גייסטיקע זוכעניש צו געפונען איר אייגענעם, פון קיינעם באטראטענעם חעג, אריגינעלן, שפערישן האט באדארפט קומען דער רוסישער באלעט חאס זאל אויפירן איר שאפונג ״ראדעא״. אן עכט אמעריקאנישע שאפונג, חאס האט איר געגעבן די ערשטע אנערקענונג אלס אן ערשט קלאסיקע טענצערן.

און מאדנע, די זעלבע מענטשן חאס האבן זיך אפילו ניט געחאלט אומקוקן אף אירע טענץ, געהויבן מיט די אקסלען, ניין, אחעקגעמאכט מיט די הענט, געראטן איר ניט אפגעבן איר לעבן אף טענץ, צו חעלכע זי איז ניט בארופן, די זעלבע לויבן זי איצט און טראגן איר ממש אף די חענט...

דערפאלג ענדלאך, נאך א צענדליק יאר פון פיין, לייד, דורכפאל אנטוישונג, קומט מיט אזא אימפעט אז איר פריידט זיך אליין, חאס די דאזיקע צארטע מיידל האט דערגרייכט איר קינסטלערישן ציל.

מענטשלאך גליק שטעקט אָן. פאראן פרייד גרויסע אין זעען יענעמס גליק.

דאָס בוך איז געשריבן מיט פיינעם חיסן, ארשטענדעניש און אינטעלעקטועלע דערפארונג. אגנעס דע מיל איז אליין א. חוץ א באגאבטע קינסטלערן א פיינע שרייבערן. האָט א חוש פאָר הומאָר, און אין די שווערסטע צייטן הויערט דער דאָזיקער געפיל און מאכט שווערע מאָמענטן, לייכטער און צארטער פאר איר.

געווען פאר מיר א גייסטיקער פארגעניגן און אן אָפרישונג פון א וועלט פון פּאָליטיק און מענטשלאכער צעמישונג.

איר קאַפּיטל וועגן אנא פאוולאָווא וועמעס אינספּיראציע האָט איר געהאָלפן אין די שווערסטע מאָמענטן פון איר לעבן, לייענט זיך ווי א פּאָעמא. וואָלט אינם בוך געווען דאָס קאַפּיטל בלויז, וואָלט שוין געווען גענוג. עס איז ניט בלויז באשרייבונג פון א וועלט באריממטע קינסטלערן נייערט קונסט אין טיפסטן זין, ווערט דאָ געבראכט צום אויסדרוק. דאָס קליינע קערפערל פון אנא פאוולאָווא ווערט אָנציענדער גליענדער פייער וואָס טראָגט אייך אוועק אין די העכסטע הויכן פון מענטשלאכן גייסט.

איר טאנצט מיט, דערזעט וויפל אומאויסשעפלאכע קוואלן פון גייסטיקן דערהויבענעם געניוס עס איז פאראן אין אונזער לעבן, און אייך פארדריסט פארוואָס דארף מוז אזא לעבן מיט אזויפיל פּאָטענציעלע פרייד פארמיאוסט ווערן מיט אזויפיל קאָמפּליצירטע סאָציאלע ווייעניש, פארוואָס?

עס דערמאָנט זיך מיר אמאָליקע יאָרן געזעען פאוולאָוואן טאנצן אין ניו יאָרק. א זאל איבערגעפאקט מיט טויזנטער. מוזיק, טאנץ, מענטשן האָבן זיך פארייניקט צו דערהויבונג...

נאָכן קאָנצערט האָט דער זאל זיך דערהויבן, דער עולם האָט ניט געקאָנט ארויס פון זאל זיך ניט געקאָנט שיידן מיט דער איבערלעבונג נאָכן קאָנצערט ווי געוויינלאך, כאפט מען זיך אריין אין דער באריממטער קאפעטעריע, טרינקן א טעפעלע קאווע. מען נעמט שמועסן, און מען קומט ארויף אף פּאָליטיק. אמפערייען אויפרעגונגען... מיינער א פריינט, געווען מיט אונז ביים קאָנצערט איז נאָך געווען אין די הימלן. פארטראכט מיט א שמייכל, גיט ער א זאָג, קינדער אנשטאט ריידן, אמפערן זיך, זייט אזוי גוט און טאנצט עס אויס... איך טראכט, איצט, נאָכן איבערלייענען אגנעס דע מילס בוך ווי גוט וואָלט געווען ווען דער מענטש קאָן זיך דערהויבן און לאָזן זיינע באהאלטענע פארבאָרגענע פעאיקייטן קומען צום העכסטן אויסדרוק, אנשטאט ברוטאלער פויסט?

אנשטאט פויסט, דערקלעמונג, צעטרעטונג פון דעם יחיד (צוליב וואָסערע מאָטיוון, איז ניט וויכטיק) לאָזן אין קלעטערן אין די הימלן דערהויבן זיך און אונז, צו נאָך ניט דערגרייכטע ספערן.

+++ === +++ === +++

פרעג זיך און דיין פריינט

טייערער אבאָנענט

פרעג זיך און דיין פריינט, וואָס דו האָסט געטאָן דאָס יאָר, נישט דערלאָזן צום אונטערגאנג פון בולעטין, זיינען אלע אונזערע לאנדסלייט און זייערע פריינט אָבגעצאָלטע אבאָנענטן פארן יאר 1952 ?

״שבת־גױ״ און...״זונטאָג־ײד״.

(ארײנטראכטעניש)

יעקב ראָזעסבאנד פאמפלאָנא־קאָלאָמביא

װער געדענקט עס דען נישט דעם ״שבת־גױ״, אין זײן גאנץ ספעציפישע ראָל אין ײדישן שטעטל? איז ער דאָך עפעס געװען א שטיק שם־דבר, װאָס האָט סערװירט דעם ײד אין אלע אומעגליכע זײנע שבת־מלאכות. האָט ער אױך זוכה געװען פארײביקט צו װערן אין דער ײדישער ליטעראטור אין װארעמע שטריכן און מיט נישט װײניגע הארציקע פײעטעט.

אין אונזער הײנטיקן עולם־הפוך ־ און גאנץ ספעציעל אין דער מערהײט פון אונזערע לאטײן־אמעריקאנער לענדערלעך ־ הױבט זיך אָן אױסצובילדן א טיפ ײד װעמען סאיז אזוי ריכטיק אָנגעמאָסטן דער נישט איבריק חשובער נאָמען: ״זונטאָג־ײד״...

אָט דער שפאָגל־נײער טיפ סערװירט עס דער גױשער װעלט, מעגליך אױך בלאָ־יודעים, אָבער סערװירט א צו־טײערן קרבן: זײנע אײגענע קינדער, צום מולך פון אסימלאציע.

״זונטאָג־ײד״ ־ זאָל עס דרײסט געזאָגט װערן ־ איז די פולע אנטי־טעזע צו פרצס אזוי געאכטעטן ״שבת־יוםטובדיקע ײדן״. א ײד, װאָס לא די ספעלט אים א נשמה־יתירה איז גאָר א סברא, אז ער האָט זײן אײנ־אונאײנציקע ײדישע נשמה ־ אױך פארלױרן.

א ײד, װעמעס ביסל רודימענטארע ײדישקײט באמבלט זיך אים נאָך װי עפעס א צוטשעפעניש, װי א גאנץ איבריקע זאך, אשטײגער, װי א פענדעסיטים...

בלױז אום אױסצופילן זײן אױסגעלײדיקט ״סאָציאל־לעבן״, האָט ער זיך אײנגעשאפט א מינימום פון א מינימום מהיכא־תיתידיקער ײדישקײט. פראװעט ער שמעק טאבאק ־ײדישקײט, אלא קאָרט, אין אלע עטאפן זײנע, פון ברית ביז צום קבר, מילד גערײדט, קאריקאטור־מעסיג.

די אלטע גװארדיע, װאָס איז אהערגעקומען און מיטגעבראכט גוט־ײדישן באגאזש, טרעט אָפ פון פלאץ, שטארבט אױס צוביסלעך און ־ בלע המות לנצח.

די קלײנע רעקרוטלעך, װאָס האָבן נאָך טועם געװען צוביסלעך שירײם פון טאטנס טיש, װערן װאָס װײטער אלץ מער אױסגעלײדיקט, מיטן טאטנס אָפטרעטן פון דער מערכה, לעשן זיך אזוי אױס די־לעצטע פליענדיקע פונקן פון טאטנס גײסטיקער ירושה.

בלײבן אױפן שאך־ברעט די הײ־געבױרענע ״קאפרעס״ (ציגעלעך) - נישט צו פארטױשן חלילה מיט די ישראלדיקע ״סאברעס״ , װאָס זײנען נעבעך, נאָט די נשמה שולדיק. גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פארגעסן. ײדיש־מעסיג הױל און לײדיק, טרוקן װי קאָרק. פרעמד און מײלן װײט פון לעבעדיקן קװאל, פון װארעמען ײדישן סענטימענט און בכלל װײט פון אלץ, װאָס שמעקט מיט אומגעפעלשטן ײדישן שטײגער - לעבן.

אָבות אָכלו בסר - ושני בנים חקהינה - טאטעס אימיגראנטן, סטאטעטשנע מענטשן מיט ברײטע ציפערן און לאנגע נומערן, האָבן אלץ אין דער װעלט אױסגעחשבונט, מיטן אױסנאם בלױז, װעגן אײגענעם ײדישן נאָכװאוקס...

א שלל מיט יאָרן געפטרט אױף כעלמער אסיפות, צענדליקער פראוװן געמאכט און הונדערטער דורכפאלן געליטן בײם װעלן בױען די ײדישע שול, חדר, ישיבה, דער יסוד־עולם פון געזונטער ײדישקײט.

אױסגעשפילטע פארטײ־פראָגראמען, אײנגערײדטע קלאסן־דיפערענצן, אריסטאָקראטישע לאנדסמאנשאפט־צוגעהעריקײט, כבוד־אמביציעס פון אױפגעקומענער גביראָקראטיע, צעפיעשטשעטע נצידישע גאוה, צעיאָמערטע אביונישע פרעטענזיעס - אלץ אינאײנעם האָט װײט פארפירט פון געזונטן און פראקטישן אױפבױ, ביז סהאָט זיך ברײט צעלעגט אין ענגן ײדישן װעלטל, א בית־עולם קלימאָט.

בינו־לבינו איז די צײט אױסגערונען, גרױסע בלױזן האָבן זיך פארקליבן אין ײדישן המשך רינגען און רינגעלעך האָבן זיך ארױסגעבראָכן פון דער טראדיציאָנעלער ײדישער גאָלדענער קײט.

שטיקט די לופט מיט איפכא־מסתברא פולװער, איז דער חורבן פיל שטארקער װי דער בנין הױערט און לױערט אסימילאציע מבית ומחוץ, סערװירט ביודעים ובלא־יודעים, פון נײעם שמענדריק־טיפ, װעמענס פאסיגסטער נאָמען איז -

״זונטאָג - ײד...

+ + +

אין קלײנע באמערקונג: געװיס געפינען זיך פרײדיגע אױסנאמען, קלײנטשיקע זונינקע אינזעלעך, אבער אזעלכע זײנען בבחינת ״װײסע קראָען״ אזעלטענקײט און א מיעוט שבמיעוט אין אונזער פארשעמטער סטאטיסטיק.

אונזער בולעטין

דער קומענדער נומער בולעטין װעט אין א גרױסער מאָס זײן געװידמעט די ערנסטע פינאנסיעלע לאָגע פון אונזער אױסגאבע און און די מעגליכע קאָנסעקװענצן פארבונדן דערמיט, אין רעזולטאט פון פארנאכלעסיקן דאָס באנײען דעם אבאָנענט אָפצאָל פארן יאָר 1952 פון אונזערע גרעסטע גרופן, מיר װעלן פארעפנטליכן די נעמען

מײן ענטפער צו פרײנט שאָלעק

אין לעצטן בולעטין, נומער 1־2 מאכט פרײנט שאָלעק א סך הכל פון דער דורכגעפירטע אָקציע פאר יחידישע הילף פאר ישראל און צום סוף דערמאָנט ער די אָלל־רײטניקעס װאָס האָבן צוגעזאָגט צו 200 און 250 דאָלאר און גאָרנישט געגעבן, ער טאדלט די גרופע פון אויסטראליע מיט מײן װײניקײט בראש.

װי איך זע איז פרײנט ש. שטארק אנטױשט אין מיר, אז ער דערמאָנט אפילו אז די סקעפטיקער זײנען גערעכט געװען.

איך װיל פרײנט ש. מאכן אן אויסבעסערונג, איך האָב זיך נישט מתחייב געװען מיט קײן דאָלאר נאָר מיט פונטן און װען מען װעט גײן פארװירקליכן דאָס װאָס מהאָט גערײדט װעט מײן צוזאָג דערפילט װערן, איך גיב אסך גרעסערע סומעס פאר ישראל צװעקן און גאָט צו דאנקן באצאָל זײ.

אָבער עס איז כדאי זיך דורכצושמועסן אין דעם ענין, הגם אין זעלבן בולעטין פרוװט פרײנט לײביש שטעלן אונטער א פרזגע צײכן מײן דעמאָקראטישקײט, אפשר פון זײן שטאנדפונקט איז ער גערעכט איך בין טאקע נישט באגײסטערט פון די א.ג. "פאָלקס־דעמאָקראטיעס" אָבער דאָך האלט איך אז איך בין א דעמאָקראט און אלס אזעלכער האלט איך און פארשטײ, אז אין געזעלשאפטליכע ארבעט איז קריטיק א פאָזיטיװע דערשײנונג און געזונט פאר דער ארבעט װײל עס ברײנגט צו בעסערע מעשים, אָבער אין אײער פאל האָט איר מיט אײער קריטיק פארבלאָנדזשעט אויפן נישט ריכטיקן אדרעס, הן בנוגע די גאנצע גרופע װי אויך בנוגע מײן פערזאָן.

לאָמיר טאקע עפנען די רעקאָרדס און זיך באקאָנען מיט די טעטיקײט פון אלע זשעלעכאָװער גרופן איבער דער װעלט, מעלבורן ארײנגערעכנט, װעלן מיר זען, אז די מעלבורנער גרופע, פון איר אנטשטײונג אין 1940 מיט 8 מיטגלידער ביז הײנט, שטײט אויפן ערשטן אָרט נישט אין צאָל, נאָר אין מעשים.

איך װעל נישט באַרירן דעם ענין פעקלעך קײן אײראָפא נאָך דער באפרײאונג, די חברים װײסן דאָס, אָבער בנוגע פערמיטן האָבן מיר ארויסגעװיזן מעשים און אראָב געבראכט קײן ע״ה צענדליקער שארית הפליטה נאכהער אנדערע זאכן בײם אײנאָרדנען די שארית־הפליטה און אזוי כסדר שטײט אויסטראליע אויפן ערשטן אָרט מיט זײנע באשטײערונגען, אװדאי, װען מיר האָבן װער סאָל ארבעטן, קאָן מען אסך מער אויפטאָן, אָבער ס׳איז נאָך נישט געװען קײן אײן צוזאמענקונפט אז מזאָל נישט שאפן עפעס, צי איז דאָס פארן בולעטין אָדער פארן יזכור־אלמאָנאך, אויך פארן יחיאל לערער־פוד זײנען מיר געשטאנען אויפן ערשטן אָרט.

לעצטנס, אויף לײבישעס װענדונג װעגן הלװאות פארן ארויסגעבן דעם אלמאָנאך, זעט מען אז מעלבורן איז געװען די ערשטע זיך אָפצורופן, איר זעט א מתנה 100 דאָלאר פון דער פרויען־גרופע, בײ 50 דאָלאר פון מיר א מתנה און א שײנע סומע פון די איבעריקע, און זײט װיסן אז די אלע װעלכע האָבן דאָ געגעבן דאָס געלט האָבן אויסדריקליך געזאָגט אז זײ װילן נישט צוריק די געלט, פון אנדערע ערטער זעט מען דאָס נאָך נישט טאָן פארן אלמאָנאך.

לאָמיר טאקע אויף די שפאלטן פון בולעטין, אויפקלערן דעם אמת בנוגע די אקציע, וואָס מעלבורן האָט דאָסמאָל אנטוישט ווי פריינט שאָלעק דריקט זיך אויס, דער אמת איז אז מיר האָבן נישט אנטוישט ווייל די אקציע איז נאָך אָפילו נישט אָנגעהויבן רעאליזירט צו ווערן.

אָט זיינען די פאקטן

אין דעצעמבער 1951, האָט פריינט שאָלעק אויף די שפאלטן פון בולעטין, זיך געוואָנדן צו אלע זשעלעכאָווער איבער דער וועלט וועגן א מאָנומענט אין וועלכן עס זאָלן פאראייביקט ווערן אונזערע קדושים, וועגן זעלבן ענין האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר אין א פריוואטן בריף.

איך אלס דער וואָס האָט געהאָט זיינעצייט געשריבן אין בולעטין בנוגע אָט דעם ענין, בין געוואָרן באגייסטערט, אז יעצט וועט דער געדאנק ווערן א טאט זאך.

איך האָב גערופן א בעראטונג מכוח דעם ענין, איך האָב דאמאָלס געזאָגט, אז איך גיב 100 פונט, עטליכע חברים האָבן צוגעזאָגט צו 50 פונט, אזוי אז אויף דער בעראטונג האָבן מיר געהאט צוגעזאָגט איבער 700 פונט, מיט עטליכע וואָכן שפעטער האָבן מיר גערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג פאר דעם צוועק און מיר האָבן נאָך א מיינונג אויסטויש באשלאָסן, אז מיר אין אויסטראליע מוזן שאפן פאר אזיין צוועק א גרעסערע סומע, מיר האָבן אויך באשלאָסן, כדי עס זאָל זיין צוגענגליך פאר אלע חברים, האָבן מיר באשלאָסן אז במשך פון 18 ביז 24 חדשים זאָל מען קאָנען אויסצאָלן די צוגעזאָגטע סומע.

איך האָב געעפנט דעם אפיל מיט 200 פונט, עטליכע חברים צו 100 פונט, אזוי אז אויפן אָרט האָבן מיר געהאט צוגעזאָגטע ביי צוועלף הונדערט פונט, מיר האָבן גערעכנט צו באזוכן אלע זשעלעכאָווער וועט זיין די סומע פון 1500 פונט, מיר האָבן אויך פאָראויסגעזען אז מיר וועלן זיך מוזן אָנשטרענגען און מאכן עטליכע אונטערנעמונגען און אגב וועלן מיר קאָנען קריגן געלט פאר אזיין צוועק אפילו ביי נישט זשעלעכאָווער און מיר האָבן דעריבער גערעכנט, אז מיר וועלן קאָנען האָבן ביי 3 טויזנט פונט.

אזוי פריינט שאָלעק איר האָט זיך נישט גענארט אין אייערע פאנטאזיעס, ניין, אייערע סקעפטיקער מוזן זיין פון דעם קלאס יידן וואָס פארשטייען נישט און ווייסן נישט, אז יידן און עמך־יידן גיבן געלט און קאָנען נעמען געלט.

אָבער וואָס איז געשען אינמיטן? ווען פריינט לייביש איז צוריק געקומען פון ישראל, האָט ער זיך געוואָנדן מזאָל די אקציע פאר א מאָנומענט יעצט אָבלאָזן און מזאָל יעצט מאכן אן אקציע פאר באלדיקע יהידישע הילף, איך האָב אויף דעם געענטפערט, אז אונזער אקציע האָבן מיר לחתחילה אָנגעהויבן פאר א מאָנומענט און וואָס שייך יהידישע הילף, קאָן איך זיך נישט אנגאזשירן צוליב פאָלגענדע מאָטיוון.

ערשטענס, אלס אָפיציעלער מיטגליד פון אן אָרגאניזאציע און פארוואלטונג וואָס ארבעט אין דער ריכטונג איז ביי מיר הילף פאר ישראל גלייך פאר אלע יידן, צווייטנס וואָס שייך יהידישע הילף, דארף איך נישט קיין אקציע, חברים אין ישראל ווייסן אז איך טו וואָס איך קאָן אָן אקציעס, איך מוז זיך שוין אליין לויבן אז אויסער פאר די אפילן פאר ישראל, וואָס ווערט דאָ דורכגעפירט, וואָס איך גאָט צו דאנקן שטיי אין רייכן ישוב צווישן די נומער 1 געבערס ביי אלע אפילן, האָב איך דאָס יאָר געשיקט קיין ישראל יהידישע הילף, אפשר מער ווי 3 אבטיילונגען די גרעסטע, מיט באָגאטא האָבן זיך באטייליקט פאר א יאָר אקציע.

אזוי זעט איר, דארף איך נישט קײן אקציע פאר דעם.

און זײט װיסן, אז די היגע זשעלעכאָװער זײנען א טײערער עלעמענט זײ גיבן מער װי זײ קאָנען, עס פעלט נאָר װער עס זאָל ארבעטן, אחדאל, װען מיר װאָלטן געהאט װער עס זאָל דורכפירן די אקציע פאר יחידישע הילף פאר ישראל, װאָלט מען געקאָנט אסך שאפן.

אויך אונזערע פרויען טוען גוטע ארבעט, זײ שיקן פעקלעך קײן ישראל א.א.

איך ענדיק מײן ענטפער מיט די פארזיכערונג, אז װען מען װעט גײן רעאליזירן דעם פלאן צו מאכן א מאָנומענט אין ישראל אויפן נאָמען פון די קדושי זשעלעכאָװ װעט דאָס געלט װאָס די היגע זשעלעכאָװער האָבן צוגעזאָגט װערן צוגעטראָגן. און איר פרײנט שאָלעק זײט נישט אנטױשט אין די היגע זשעלעכאָװער און להבא, זײט אביסל מער פארזיכטיק מיט קריטיק.

שלום אָשלאק מעלבורן ־ אויסטראליע.

לאָמיר זיך דורכשמועסן

ברוך דרעזנער באָגאָטא

איך װאָלט זיכער נישט געװאָלט ארײנברײנגען קײן אויפגערעגטקײט אין די געמיטער פון אונזערע זשעלעכאָװער איבערהויפּט אויף די שפאלטן פון אונזער בולעטין, אָבער דערהאלטענדיק דעם יאנואר־פעב. בולעטין און לײענדיק װעגן די לאנדסלײט װעלכע װילן בשום אופן נישט אויפגעבן זײער אײנשטעל װעלכער קאָן נישט ברײנגען קײן כבוד אונזער ארבעט, װעלכע מיר װילן פארענדיקן אזוי שײן װי מיר האָבן זי געפירט די גאנצע צײט, װילט זיך שרײבן עטליכע װערטער.

פאר אלעם װעגן די "שרײער", איך װײס נישט װעמען מװאָלט טאקע באדאָרפן באצײכנען אלס שרײער, די װעלכע האָבן ארײנגעברײנגט דעם טאָן אלא בארנשטײן, באשמוצנדיק מענטשן, װעלכע האָבן געהאט די העזה אָפּצוגעבן זײער געזונט און לעבן פאר גלײכע רעכטן פון אלעמען און געגן שיקאַנעס און דיסקרימינאציעס אלס בירגער פון א צװײטע מדרגה, אָדער די װעלכע האָבן זיך ארויסגעזאָגט געגן די מײנונג פון ב. אָדער פרײנט אָשלאק.

האלט טאקע פרײנט אָשלאק פאר אמתע דעמאָקראטיע דאָס נישט קאָנען אָנזעען אן ארטיקל פון א מענטש װי א.ביק, מעג עס זײן װי באלערנד?

מיר לעבן אין א צײט װען מװיל אונטערן מאנטל פון דעמאָקראטיע פארשרײען אלץ װאָס עס געפעלט נישט, אָבער פארװאָס ארײנברײנגען אָט דעם טאָן אין אונזער בולעטין?

און איצט װעגן אנדערע זשעלעכאָװער װעלכע נישט נאָר מאכן זײ א טעות אין זײער "דעמאָקראטישע" אײנשטעלונג, נאָר די אנדערע ברײנגען װײניק כבוד אונזער ארבעט און נאָך װײניקער אונז, אלס זשעלעכאָװער.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרײבן װעגן אָט די מענטשן אין פעברואר נומער פון 1950, דער אונטערשיעד איז בלויז, אויב פריער איז עס געװען לײביש, װעלכער האָט שלעכט פונאנדערגעטײלט די הילף, איז עס יעצט מרדכי אישטוב אין ישראל און װי עס שרײבט פרײנדין שרה מיקאָװסקא, זײנען 4 פאמיליעס גערעכט טאקע באײנפלוסט געװאָרן פון אָט דער רכילות און װילן מער נישט העלפן אונזער ארבעט.

טײערע פרײנדין נײמאַן-מיקאָװסקאַ, איר דאַרפט אײך נישט איבערנעמען פון אָט דער פּליאָטקע װײל מיר דאָ אין באָגאָטאַ האָבן אויך לאַנדסלײט װעלכע זײנען "באַאײנפלוסט" געװאָרן פון אָט די מענטשן און זוכן אויך אויסרײדן פאַר גאָרנישט געבן, דאָך דורך דער אָנשטרענגונג פון געצײלטע מענטשן װעלכע פאַרשטײען די װיכטיקײט פון אונזער אַרבעט, שטײען מיר קײנמאָל נישט אונטערשטעליק פון ערטער װאו עס געפונען זיך מער זשעלעכאָװער און גײען װײטער אָן מיט אונזער אַרבעט.

און צו אונזערע לאַנדסלײט אין באָגאָטאַ

טײערע פרײנט, שעמט איר זיך נישט, אַז אַ בולעטין װאָס קאָסט בלויז 10 קאָלאָמביאַנער פּעזעס אַ יאָר, בײ װעלכע פיל פון אײך מײנט נישט קײן סך, רוף איך אײך טײערע פרײנט און לאַנדסלײט, װערט אַלע אַבאָנענטן פון אונזער בולעטין, העלפט דאָס אַרויסגעבן װאָס גיכער דעם אַלמאַנאַך און לאָמיר פאַרענדיקן אונזער אַרבעט מיט כבוד.

אַ בליק אַף אַ בליק...

אַן ענטפער מײן חשובן פרײנט, שמעון גובערעק.

שאָלעק פאַנאַמאַ

עטלאַכע טעותן, אומפּינקטלאַכקײטן, האָבן זיך אַרײנגעכאַפּט אינם פּאָלעמישן אַרטיקל פון פרײנט גובערעק אין בולעטין פון חודש מערץ, 52. װילט זיך מיר מאַכן בלויז עטלאַכע באַמערקונגען, דאָס איבריקע, איבערלאָזן צו דער אינטעליגענץ פון אונזערע לײענער. מיר האָבן אַזעלכע גענוג, סײ צװישן לאַנדסלײט, און סײ צװישן ניט לאַנדסלײט, שטענדיקע לײענער פון בולעטין.

דער נאָמען פון אַרטיקל, פרײנט גובערעקס, דאַרף זײן, אַ בליק אַף אַ זאַץ, ניט אַף פרײנט שאָלעקס אַרטיקלען. װײל מער פון אײן זאַץ, האָט מײן חשובער חבר ניט ציטירט. "אם אין אני לי מי לי" ...

געװײנלאַך, פירט זיך בײ לײטן, אַז מען ציטירט ניט בלויז אײן שורה, װאָלט אונזער פרײנט ציטירט אַביסעלע מער, װאָלט אונזער לײענער געזען, אַז איך האָב געשריבן : "אם אין אני לי מי לי, מיר האָבן געלערנט די מאַכט פון פויסט. איך האָב גלויבן, אַז מער װעט מען אונזערע ברידער ניט שיקן קײן טרעבלינקע. זײ װעלן זיך ניט לאָזן!"

הײסט עס, מײן חשובער חבר, אַז די פויסט דאַרפן מיר האָבן כדי ניט גײן װי טויזנטער ײדן זײנען געגאַנגען װי שאָף צו דער שחיטה.

פון די אַלע מאָטיװן װאָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין קריגן דאָס לענדעלע, די 6 מיליאָן-קדושים-מאָטיװ שוין אַרײנגערעכנט, האָט דאָך דער הויפּט מאָטיװ געשפּילט יענע טויזנטער ײנגלאַך און מײדלאַך מאַנכע מיט אַטעסטאַן פון אוניװערזיטעטן, װאָסהאָבן אַף גליענדע זון, געהאַקט שטײנער, געפּריקנט זומפּן, און מיט זײער איבערמענטשלאַכן אידעאַליזם געװיזן דער װעלט, אַז מיר ײדן זײנען ניט בלויז סוחרים, נײערט, מיר קאָנען אויך און זײנען װיליק צוטאָן שװאַרצע, שװערע, איבערמענטשלאַכער אַרבעט, פאַר אונזער אײגן שטיקל ערד.

נאָך די אַלע "טובות" װאָס מען האָט אונז געטאָן, האָבן מיר געמוזט אָנקומען צו אמתע פרײנט, צו האַלבע פרײנט, װי אין מאַנכע לאַטײנישע

לענדער מיט "קלינגענדע ארגומענטן"... כדי זײ זאָלן שטימען, אז מיר זאָלן קריגן א שטיקל לאנד.

דאָס הײסט מײן ליבער חבר אז מיר אלײן ײדן פון דער גאנצער װעלט מוזן זעען אז לענדעלע זאָל קאָנען עקזיסטירן.

אָף זײט 12 פון זעלבן נומער בולעטין שרײבט פרײנט ג. ער װערט ניט בעאײנפלוסט פון אזעלכע? נאציאָנאליסטישע פראזן "און האַלט ניט פון שאָלעקס איזאָלאציע, אז מיר ײדן דארפן זיך פארזיגלען אין אן אײגענעם געטאָ, און װײזן דער װעלט א פויסט קעגן א פויסט".

אף זײט 25 שרײבט פרײנט גובערעק "אז איזאָלאציע (דאָס הײסט װי עס פרײדיקט פרײנט שאָלעק ש.א.) קאָנען זיך נאָר װאונטשן אויפגעברויזטע קעפּ, דענקענדיק אז אונזער אײגענער כוח קלעקט אונז צו קאָנען זיך קעגנשטעלן אלע אונזערע שונאים װאָס רינגלען אונז ארום".

אביסל װײטער שרײבט ער "קוקן מיר און שטוינען װאָס ניט נאָר אין פאל מיט אונזער ליבן שאָלעק נאָר לײדער מערקן מיר אין די רײען פון אלגעמײנעם ציוניזם אזא מין אויפגעבלאָזענעם און גאָרניט געבענדן סופער נאציאָנאליזם פארשיכורט פון אזא ניט לאָגישן שגעון. זײענדיק דערבײ בלינד, ניט זעענדיק, אז אף אזא לוקסוס, דערלויבן זיך ניט אפילו די גרעסטע װעלט מאכטן"...

+++===+++===+++

װאָס אן אמת, האָב איך אײנמאָל דורכגעלײענט דאָס ארטיקעלע און ניט געגלויבט אז דאָס שרײבט מײן חבר װעגן מײן װײניקײט.. האָב איך דאָס נאָכאמאָל איבערגעלײענט יאָ, אזוי שטײט שװארץ אף װײס די אויספירונגען דער אמאָליקער שאָלעק װיל גאָר װערן איז געװאָרן א סופער־נאציאָנאליסט װאָס װיל קעמפן (אפשר אויך אײנעמען) דער גאנצער װעלט. ניט בלויז די אראבישע לענדער, אפשר אויך (פארװאָס טאקע ניט) אמעריקא און רוסלאנד...

עס װאָלט געװען א טראגישער שפאס פון אן אינטעליגענטן מענטשן װי עס איז מײן פרײנט, װען עס װאָלט ניט געװען פשוט קאָמיש...

אנשטאט צו ענטפערן אף די אומבאגרינדעטע, אומבארעכטיקטע רײד, לאָמיר ציטירן (מער פון אײן זאץ) װאָס דער זעלבער שאָלעק האָט געשריבן װעגן זעלבן ענין ישראל, זאָלן די לײענער זען, צי איז פאראן עפעס פון דעם װאָס אונזער פרײנט װיל אונז צושרײבן.

אין א געשפרעך װעגן א בונדיסט אין נומער סעפטעמבער בולעטין פון 1950 שרײב איך צװישן אנדערס.. "די װעלט (פון בײדע זײטן) האָט אונז ברוטאל אוממענטשלאך באהאנדלט. זײנען מיר נאָך ניט גרײט צו זאָגן א זײ געזונט אונזער װעלטל. מיר קאָנען דאָס ניט. אָבער מיר זײנען נאָך ניט גרײט זיך ארומצוכאפן און צעקושן זיך מיט נעכטיקע באנדיטן בלויז צוליב דעם װאָס זײ זאָגן אונז אז זײ האָבן חרטה (מאנכע זאָגן דאָס אפילו ניט) מיר זײנען פון נעכטיקע קאָסמאָפאָליטן, װעלט פארזאָרגער, געװאָרן אנהענגער פון אן אײגן לאנד.

אביסל װײטער שרײב איך:

"װײסן מיר אויך די שװעריקײטן פון א שטאט, אויך די איבלען. האָבן מיר מורא, און עס שרעקט אונז דאָס הארץ, אז אונזער ישראל שטאט װאָס האָט אין מיליאָנען ײדן איבער דער װעלט אָנגעצונדען אזוי פיל האָפענונג און פארלאנגען, זאָל חלילה מיט דער צײט ניט פארװאנדלט װערן אין א ביוראָקראטיש ענג פארטײאישן שטאט, װאָס זאָל זײן אין קעגנזאץ פון נעכטיקע און הײנטיקע טרוימען."

+++===+++===+++

װי געפעלט אײך חשובער פרײנט גובערעק, אזא אויפגעשרויפטער, סופער־נאציאָנאליזם "רחמנא ליצלן...?

אין זעלבן ארטיקל, זײט 16 שרײב איך:

װילן מיר האָפן, אז אונזער פאָלק װאָס איז העכער פון צװײ טויזנט יאָר געװען געפײניקט, װעט קײנמאָל ניט קאָנען װערן קײן פײניקער פון אנדערע און פון אײגענע.

װיפל אימפעריאליזם װיפל פרעמדע שכנישע לענדער, הײסט דאָ פרײנט שאָלעק פארכאפן, ליבער גובערעק? אדרבה, זאָגט מיר.

אין נומער פון דעצעמבער פון זעלבן יאָר, אין א פאָר־געזונט אונזער ליביש שרײב איך צװישן אנדערס:

"לאָמיר האָפן, אז ליביש װעט אין ישראל זען שפורן פון יענע אידעאלן װעלכע מיר האָבן געטרוימט מיט העכער דרײ צענדליק יאָרן צוריק, באפרײאונג פון אונזער פאָלק, װי אויך די באפרײאונג פון דער גאנצער מענטשהײט. אונזער גורל ליבע פרײנט איז ענג פארבונדן מיט דעם גורל פון אלע אונטערדריקטע פעלקער. לאָמיר האָפן, אז אונזער לאנד ישראל װעט דער װעלט קאָנען װײזן א מוסטער פון מענטשלעכקײט און אמתער ברידערלעכקײט?

אין נומער בולעטין פון חודש נאָװעמבער 1950 אינם ארטיקל "אידײען און װירקלעכקײט" שרײב איך װעגן ישראל:

"איך טראכט לעצטנס זײער פיל פון אונזער קלײנעם באשאף ישראל. קלײן אין שטח און גרויס ריזיק גרויס אין דער אידײע פון א פארפײניקט פאָלק דערנידריקט צעפײניקט העכער פון צװײ טויזנט יאָר.

פאראן אזױפיל האָפנונגען גלויבן צוזאמענגעמישט מיט ביטערע טראכטונגען. װעלן אונזערע נעכטיקע געפײטשטע; חלילה; ניט געשטרויכלט װערן; און אויך נעמען די האק אין דער האנט און חלילה אויסנוצן דעם אָנגעזאמלטן כעס און צאָרן װאָס די װעלט האָט אין אונז פארפלאנצט אין פארלויף פון גענעראציעס??? װעלן מיר, דער עם הספר, קאָנען װײזן דער װעלט א מוסטער; אז אפילו די דעמאָקראטישסטע לענדער זאָלן קאָנען פון אונז עפעס לערנען."

לאָמיר האָפן אז יאָ.

===+++===+++===+++===

איצט מײן ליבער פרײנט שמעון זײט אזוי גוט לײענט איבער נאָכאמאָל װאָס איר האָט װעגן מיר געשריבן אין אײער "בליק" פארגלײכט דאָס מיט דעם, װאָס איך האָב פאקטיש געשריבן, און גיט אײך אלײן דעם ריכטיקן, אמתן ענטפער.

איך פון מײן זײט האָב לחלוטין גאָרניט צוצוגעבן. זעט איר װעגן ענין, סאָציאליזם "אידײע אדער באװעגונגען", װעלן מיר איבערלאָזן אף א צװײט מאָל.

זאָלן מיר די חשובע לײענער העכסט מוחל זײן, װאָס איך האָב באדארפט אזױפיל ציטירן פון מײן אײגענעם שרײבן.

מען טוט אמאָל זאכן װאָס זײנען ניט צו שטארק צום הארצן.

אונזערע פרײנט דערמאָנען אונז

פיל פון אונזערע פרײנט דערמאָנען אונז, אז זײ האָבן נישט דערהאלטן דעם לעצטן נומער בולעטין, זײ געדענקן אָבער נישט, אז זײ האָבן נאָך ביז הײנט נישט אָבגעצאָלט פאר זײער אבאָנענט.

אײניקע באַמערקונגען

מרדכי אישטוב תל־אביב־ישראל

פרײנט יחיאל געב'ורט פרעגט נאָך א רײע באַמערקונגען אין ב. 2־1 זײט 37 "נאָך װאָס דאַרף מען א קאָמיטעט אין ישראל אין אזא פאַרנעם, אז אין אזא פאַל װי בײ מיר, העלפט מען ניט" ?

טײערע פרײנט

איך װעל זיך דערלויבן דערצײלן געננוי װי די זאַך איז פאָרגעקומען, שרײבן א טײל פון "אמת" איז אמאָל נאָר װײט פון אמת און אמאָל אויך פאַרקערט פון אמת.

עס זײנען פאַראַן מענטשן װאָס מײנען, אויב דער קאָמיטעט דערפילט ניט זײער פאַרלאַנג, ניט רעכנענדיק זיך א'נגאַנצן צו דער קאָמיטעט האָט דאָס רעכט דערצו אָדער נײן, האָט דער קאָמיטעט ניט מער קײן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

דער זשעלעכאָװער קאָמיטעט אין ישראל איז געגרינדעט געװאָרן נאָך אין יאָר 1932 פאַרן צװעק: צו העלפן אײנאָרדנען די פריש געקומענע מיט א װאוינונג און אנדערע קאָנסטרוקטיװע הילף און ניט מער, און דאָס טוען מיר ביז הײנט צוטאָג.

אויך פרײנט יחיאל געלבורט האָט באַקומען פון קאָמיטעט באַלד װי ער איז געקומען אין. לאַנד א געװיסע סומע גלײך װי אלע אַנדערע פריש געקומענע האָבן דאַן באַקומען־כדי אײנצואָרדנען זײן װאוינונג, אין קײן אנדערע הילף האָט ער זיך ניט גענויטיקט װײל ער האָט זיך גלײך געשטעלט ארבעטן אלס סטאָלאַר און בײ אונז פאַרדינען סטאָליאַרעס מעגליך מער װי דאָקטוירים.

מאַטעריעל איז פרײנט געלבורט אײנגעאָרדנט ניט ערגער פון פיל פרײנט אין פאַרשידענע לענדער װאָס נעמען אנטײל אין די פאַרשידענע זאַמלונגען לטובת די פריש געקומענע אין ישראל, ער ארבעט די גאַנצע צײט אויפן זעלבן ארבעטס־אָרט אײנגעלעבט זיך מיט די צװײטע ארבעטער אין פאַבריק אין פאַך געזעלשאַפט און גרופע פרײנט װי געזאָגט אײנגעאָרדנט ניט װײניקער װי די אלט אײנגעזעסענע אין לאַנד. מיטן בלויזן אונטערשיד, װאָס "מרדכי אישטוב האָט זיך אויפגעבויט א װאוינונג פון די געזאַמלטע געלטער דורך די פאַרשידענע קאָמיטעטן אין אלע לענדער, מרדכי. שפּײזמאַן האָט זיך געבויט זײן פאַבריק פון זעלבן געלט און יהודה בן שלום האָט נאָר באַקומען פון קאָמיטעט 500 פונט צו בויען זײן װאוינונג" .

איך אײגנטליך, װײס ניט דערפון, כאָטיא מהאָט געשריבן װעגן דעם צו מאָטל גערעכט אין סט. פאולאָ, און אזוי האָט מען אויך דערצײלט אויף א פאַרזאַמלונג פון פריש געקומענע זשעלעכאָװער אין חיפה אין געגנװאַרט פון א געװיסן פאָרשטײער פון פאַריז, פאַרשטײט זיך, אז קײנער פון די אויבנדערמאָנטע באַשולדיקטע איז ניט געװען אנװעזנד, אפילו ניט יהודה בן שלום װעלכער װאוינט אין חיפה.

און יעצט װי אזוי איז פאָרגעקומען די װענדונג
פון פרײנט געלבורט?

אין א געװיסן אָװנט, אַרום 10 אזײגער, קומט צו מיר דער פרײנט געלבורט מיט זײן פרוי און זײערס א פרײנט, זעענדיק דעם באַנדאַזש אויף דער האַנט פרעג איך אים װאָס איז געשען? דערצײלט ער מיר, אז די מאַשין האָט אים פאַרװאונדעט 3 פינגער, ער קאָן ניט ארבעטן

און צוליב דעם איז ער געקומען און בעט א געװיסע סומע געלט פאר עסן. פרעג איך אים:קריגסטו ניט געצאָלט פון דער פארזיכערונג פאר אן אומגליקס־פאל?װיסנדיק אז לויטן געזעץ בײ אונז, איז יעדער ארבעטער פארזיכערט אין אסעקוראציע־געזעלשאפט פאר אן אומגליקס־פאל, װען ניט איז דער ארבעטס־געבער פאראנטװאָרטליך. ענטפערט ער מיר, אז ער איז נישט פארזיכערט, שלאָג איך אים פאָר:איך בין גרײט זיך צו פארנעמען דערמיט און זעען אז ער זאָל באקומען די פארזיכערונג און מיט װאונדער פרעג איך אים, איז דאָס מעגליך?

ענטפערט ער מיר"און אז איך באקום שוין 12 פונט א װאָך איז שוין גענוג?איך פאָדער הילף פון קאָמיטעט" . זאָג איך אים איך װעל זײן ביטע ברײנגען, צו דער פארװאלטונגס־זיצונג צום באשליסן. פאנגט ער אָן שרײען און אויך זײן פרוי און װײנען"צו דעם דארף מען א זיצונג פון דער פארװאלטונג?ענטפער איך גאנץ רואיק און ניט באלײדיקט און גיב זײ צו פארשטײן, אז איך בין ניט דער בעל־הבית פון געלד נאָר דער גאנצער קאָמיטעט דארף באשליסן אין יעדן פאל.

אפילו פאר קאָנסטרוקטיװע הילף, װאָס דאָס איז די פליכט פון קאָמיטעט, נאָך מער, אין א פאל פון סאָציאלע הילף, װאָס דאָס איז נישט די דירעקטע אויפגאבע פון קאָמיטעט, װײל אין דעם פאל איז פאראן די אסעקוראציע, דער ארבעטס־געבער און די ארבעטער פון פאבריק, צוגעבענדיק, איך בין זיכער, אויב דו זאָלסט זיך װענדן צו די זשעל. אין חיפה, װאָלט דיר יעדער געבאָרגט עטליכע צענדליק פונט, ביז דו װעסט קאָנען צוריק ארבעטן.

האָט ער זיך אלס ענטפער צעשריען:איך װיל ניט באָרגן בײ קײנעם איך װיל דער קאָמיטעט זאָל מיר געבן, דערויף האָב איך געפרעגט: זאָג מיר, װען ביזטו א זשעלעכאָװער?צי נאָר װען דו װילסט נעמען געלט אָדער אויך װען דו דארפסט געבן געלט? שוין אײניקע יאָר װי דו ביזט אײנגעאָרדנט, דו װײסט פון יעדן באשלוס װעגן א געלט זאמלונג, דו װײסט אויך די באשלוסן פון קאָמיטעט, אז יעדער װאָס האָט אמאָל באקומען א געלט־שטיצע און איז אײנגעאָרדנט, דארף דאָס געלט צוריקצאָלן צום קאָמיטעט אויף צו קאָנען װײטער געבן קאָנסטרוקטיװע הילף צו די װעלכע װעלן זיך נויטיקן, דאָך האָסטו נישט געפונען פאר נויטיק צו געבן אײן סענט, זאָגאר דעם בולעטין, אבאָנירט דײן ברודער און ניט דו.

האָט ער זיך שטארק צעשריען מיט פארשידענע באלײדיקונגס־אויסדרוקן פאר מיר און קאָמיטעט און צװישן אנדערס, ער װײסט אז דער קאָמיטעט מאכט קאליע דאָס געלט א.ז.װ. און אװעק א ברוגזער און אויסגעשריען, איך װעל שוין װיסן װאָס צוטאָן.

זײענדיק אין חיפה, האָב איך זיך געפרעגט אונזערע פרײנט װײתכן?פארװאָס אינטערעסירט איר זיך ניט מיט געלבורטן, האָט מען מיר דערקלערט, אז אײניקע מאָל האָט מען אים פאָרגעלײגט צו באָרגן 50 פונט אָבער ער האָט ניט געװאָלט באָרגן, װײל אז מבאָרגט דארף מען צוריקצאָלן.

איך האָב די גאנצע זאך איבערגעגעבן אויף א זיצונג פון קאָמיטעט יעדער האָט מיר אויסגעדרוקט זײן פארדרוס איבער די באלײדיקונגס־אויסדרוקן און באשטעטיקט מײן האנדלונג.

נאכהער האָט זיך געלבורט געװאָנדן צו מרדכי שפײזמאן גאנץ פריװאט און מרדכי האָט אים געבאָרגט אלס א פריװאטער פרײנט, ניט אין

נאמען פון קאָמיטעט 50 פונט און געפאָדערט חעקסלען אויסצוצאָלן 5 פונט א חודש.

איך פארזיכער אײך אז פרײנט שפײזמאן לאָזט זיך קאָסטן, העלפט און חיל העלפן פרײנט און באקאנטע און די גאנצע געשיכטע חאָס פרײנט געלבורט דערצײלט, דאָס די חעקסלען זײנען געלעגן אונטערן גלאָז, זײנען חײט פון אמת.

טײערע פרײנט

זײן פאראנטחאָרטליך פאר קהלישע געזאמלטע געלט, איז גאָרניט ליכט, מדארף און ממוז זײן פאראנטחאָרטליך, אז דאָס געלט זאָל באנוצט חערן פאר די געהעריקע צחעקן, פארחאָס דאָס געלט איז באשטימט געחאָרן צום באדויערן חיל ניט יעדער דאָס אנערקענען. צ.ב.ש. איך האָב געהערט א פאָרשלאג פון א טײל זשעלעכאָחער פריש־געקומענע, אז דאָס געלט פון קאָמיטעט (עס געפינט זיך איבער 1000 פונט, גענוי׳ אין באריכט) זאָל פונאנדערגעטײלט חערן דורך שפײז פעקלעך צו די פריש־געקומענע, ניט רעכנענדיק זיך אז דאָס געלט איז באשטימט נאר פאר קאָנסטרוקטיחע הילף.

איך חײס גענוי אָבצושאצן די גרויסע ארבעט פון אלע אונזערע קאָמיטעטן פאר די שארית הפליטה און פאר די עולים אין ישראל, מיר אלט אײנגעזעסענע אין ישראל חאָלטן אלײן, אָן אײער הילף, ניט געקאָנט העלפן די פריש־געקומענע חי מהאָט זײ געהאָלפן, גלײכצײטיק חײס איך אָבער, אז אײער הילף חירקט אמאָל אויף א טײל מענטשן דעמאָראליזירנד און ניט חײניק האָט דאָס געחירקט אויף א גרויסע טײל פון די תושבי ישראל, אָבצוטרײסלן זיך פון אנטײל נעמען אין די זאמלונגען חאָס מיר האָבן באשלאָסן דורכצופירן מיט דעם אויסרײד "צי פעלט דען געלט אין קאסע". ד.ה. זײ פארלאָזן זיך דאָס אנדערע זאָלן געבן.

אָט די אויסרײדן באנוצן פיל בײ אונז חעלכע האָבן אײדער מיר האָבן באקומען געשיקט געלט פון פארשידענע לענדער, האָבן זײ אנטײל גענומען אין יעדע זאמלונג מיט זײער שײנע סומען געלט. און דאָס באחעגט מיך, אחעקצושטעלן זיך אין א זײט און ניט זײן מער אקטיח אין קאָמיטעט, איך רעכן זיך גאנץ חײניק מיט די באלײדיגונגען חאָס איך שטײ אמאָל אויס חי צ.ב.ש. די לעצטע שמוץ "אז איך האָב זיך געבויט די דירה אדאנק די געלטער פון קאָמיטעט". אָבער איך קאָן ניט שלום מאכן מיט די חאָס פארלאָזן זיך דאָס צחײטע זאָלן געבן און ניט זײ.

דאָס איז מײן ענטפער דיר, מײן ליבער שאָלעק. דײן אויסגעשרײ אין בולעטין 1-2 זײט 16, שרײ איך טאָג אײן טאָג אויס, מעגליך אז דאָס איז אויך די אורזאך פון די שמוץ חאָס טײל חארפן אויף מיר לעצטנס, מענטשן חילן ניט אויסהערן חען מזאָגט זײ מוסר, סאיז לײכטער חען מבאשמוצט אים, חעט ער אויפהערן מוסרן.

אײער מרדכי

עפעס צו געדענקען

א גרויסע צאָל זשעלעכאָחער פון פארשידענע ערטער שיקן לעצטענס צו געחיסע ארבעטן פארן אלמאָנאך, פון חאָס מיר זײנען זײער צופרידן, דערמאָנען זיך אָבער אָט די פרײנט, אז זײ האָבן נאָך קײן סענט נישט באשטײערט פארן ארויסגעבן דעם אלמאָנאך?

אלארמען

װעגן דער ערנסטע לאגע פון דער ײדישער באפעלקערונג אין ק.ריקא

די ײדישע פרעסע אין אמעריקא אלארמירט לעצטענס װעגן אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען קעגן די ײדישע באפעלקערונג אין קאָסטא־ריקא.
דאָ דרוקן מיר איבער בלויז איין אזא ארטיקל איבערגעדרוקט פון "מאָרגן־זשורנאל פון 4טן יוני

פון יעקב גלאטשטיין

די פאָגראָם־שטימונג אין קאָסטא ריקא

אין קאָסטא ריקא, וואו עס ברענט ממש די ערד אונטער אידישע פיס, וואו עס הערשט איצט א פאָגראָם־שטימונג, האלט מען אין איין פארזיכערן די דערשראָקענע 250 אידישע משפחות, אז די מאדאם דעמאָקראטיע האלט אויף זיי אן אויג.

די איבער טויזענט אידישע נפשות, וועלכע זענען מייסטענס קאָנצענטרירט אין סאן כאָזע, האבן זיך שוין זייט לעצטן ראש השנה א סך מאל געווענדט צו קאסטא ריקאנער בעאמטע און אנגעוויזן, אז די אנטיסעמיטישע פראָפאגאנדע געגן זיי נעמט אָן שרעקליכע פאָרמען, און אז זיי האבן פשוט מורא פאר זייערע לעבנס, און פאר זייער אייגנטום. מ'האט זיי אָבער געהאלטן אין איין פארזיכערן אויף א כיטרען אופן, וואָס דערמאָנט זייער שטאהק אין די אלטע צארישע מעטאָדן, אז דערווייל זעט מען נישט אימיצער זאָל זיי פיזיש טשעפען, און אז ווען די צייט וועט קומען, וועלן די קאָנסטיטוציע און די דעמאָקראטיע און די אנדערע זיבן זאכן טאָן וואָס מ'דאַרף. דער פרעזידענט פון דער לאטיין־אמעריקאנער רעפובליק, וואו די איבער טויזענט אידען לעבן צווישן 800 טויזענט קאסטא ריקאנער, האט נאָך גע'מוסר'ט די אידען און זיי געזאָגט, אז דאָס וואָס זיי רופן אנטיסעמיטישע אקציעס קען גאָר זיין — דעמאָקראטיע. אין אנדערע ווערטער, די אנטיסעמיטען האבן א רעכט צו בושעווען, פארשפרייטן גיפטיגע צירקולארען מיט עקעלדיגע קאריקאטורען געגן אידען, ווייל זיי ווערן באשיצט פון דער דעמאָקראטיע. נאָך היטלער'ן שיצט זיך די ערב־פאָגראָם שנאה צו אידען מיט א פייגנבלעטל פון דעמאָקראטיע און דעמאָקראטיש גאראנטירטן פרייען אויסדרוק.

דעצעמבער 1951 בין איך געווען דער איינציגער זשורנאליסט, וואָס האָט אלארמירט די אידישע עפנטליכקייט, מיט צוויי ארטיקלען, וועגן דער לאגע פון די אידען אין קאָסטא ריקא. איך האָב דאמאָלט, אין מיין "פראָסט און פשוט", געשריבן, אז "די אידען אין קאָסטא ריקא לעבן אין שרעק פאר פאָגראָמען", און איבערגעגעבן אלע איינצעלהייטן ארום דער געפערליכער און היפאָקריטישער רעגירונג־טאָלעראנץ, וועלכע שטארקט די הענט פון די אנטיסעמיטען און פון זייער באוועגונג. פונוואנען האָב איך דעמאָלט געקראָגן די פאקטן? איך האָב זיי אוודאי אליין נישט אויסגעטראכט. די קאָסטא־ריקאנער אידען האבן געשיקט א הארצרייסענדען קול קורא צום וועלט־קאָנגרעס און געבעטן אז מ'זאָל זיי ראטעווען.

די אנטיסעמיטישע פראָפאגאנדע האט זיך ענטוויקעלט און מארשירט פאָראויס מיט ריזן־טריט, אָבער ערשט ווען די "ניו יאָרקער טיימס" האָט פאָריגן זונטאג איבערגעגעבן די פארשפעטיגטע פאקטן, וואָס זענען פארעפנטליכט געוואָרן מיט א האלב יאָר פריער, איז די גאנצע אידישע פרעסע געוואָרן אויפמערקזאם און געשפאנט. דאָס באווייזט, אז מיר נויטיגן זיך אין דער ענגלישער פרעסע, כדי זי זאָל אונז אמאָל אויפוועקן פון שלאָף און כדי פאקטן וואָס ווערן אויפגעדעקט א האלב יאָר שפעט, זאָלן ביי אונז אליין ווערן חשוב.

די פרעסע שיצט פאָגראָמשטשיקעס

אָבער אט זענען עטליכע פאקטן, וואָס זענען אין דער "טיימס" נישט פארעפנטליכט געוואָרן. ערב דער געפלאנטער אנטיסעמיטישער דעמאָנסטראציע, פון דער אזוי־גערופענער "בונטא פאטריאָט קאָ.", דעם 25טען מאי, וואָס איז ענדליך צוריקגערופן געוואָרן, אין דער לעצטער מינוט, דורכ'ן אינערן מיניסטעריום, האט אן אזוי־גערופענע ליבעראלע קאָסטא ריקאנער צייטונג — "על טראפיטשע" געדרוקט היטלער־פראָפאגאנדע געגן אידען. טאקע פשוטו כמשמעו מערדערליכע היטלער־פראָפאגאנדע.

די צייטונג האט פארעפנטליכט צוויי לאנגע בריוו, אויף א גאנצער זייט. אין איין בריוו האט א לייענער, וואס שרייבט זיך אונטער דר. הורטאדא, געשריבן און די צייטונג האט געדרוקט, אין נאמען פון דער "הייליגער" פרייער פרעסע, אז "היטלער איז געווען א אידיאט, וואס ער האט נישט אויסגע'הרג'עט אלע אידען. סיי ווי האט ער דאך געמוזט שטארבען, האט ער דאך געקאנט מיטנעמען אלע אידען, כדי מ'זאל פון זיי פטור ווערען"

א צווייטער בריוו־שרייבער סטראשעט מיט פאגראמען אויף אידען. ער באשולדיגט די קאסטא ריקאנער רעגירונג, אז זי טוט נישט גענוג כדי ארויסצוטרייבען די אידען, און ער ווארענט, אז אויב דאס קאסטא ריקאנער "פאלק" האט נישט קיין רעגירונג און קיין אויטאריטעטען, ווער ס'זאל זיך פאר אים אננעמען (אין קאמף געגען אידען) וועט דאס פאלק, פריער אדער שפעטער, מוזען האנדלען דירעקט און דעמאלט וועט די גאנצע שולד פאלען אויף דער רעגירונג און אויף די אידען".

די "ליבעראלע" צייטונג, וואס דרוקט די אלע היטלער־בריוו, פארענטפערט זיך פאר די אנטיסעמיטען, אז זי איז חלילה נישט אונטערגעקויפט פון אידען. פארקערט, זי קריגט גוט באצאלט, זאגט זי, פון די פאגראמשטשיקעס, וועלכע דרוקען זייערע פאגראם־העצעס ווי אדווערטייזמענטס. אזוי אפענהערציג און "דעמאקראטיש" איז די צייטונג "על טראפיטשע" ("די מיל"). זי שרייבט אין איר עדיטאריעל וועגען די "פאליאקאס", דאס הייסט, וועגען די פוילישע אידען, אז פאר דער כשר'ער ליבעראלער צייטונג, וועלכע קריגט באצאלט פאר אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע, זענען הייליג די ווערטער פון דעם פרעזידענט פון רעפובליק — אוליאטע, וועלכער האט פארזיכערט, "אז די קאנסטיטוציע דערלויבט אים נישט ארויסצוטרייבען די אידען פון לאנד, ווי איינגע פאדערען עס פון אים"

ווי מען נעמט זיך אן פאר אידען

אזוי נעמט מען זיך כלומרשט אן פאר אידען. דער פרעזידענט האט שוין אמאל אליין עפענטליך אנגערופען די אידען פאראזיטען, אבער ער האט קיינמאל נישט פארפעלט צו דערמאנען, אז די קאנסטיטוציע וואס באשיצט די פאגראמשטשיקעס, איז אויך גוט צו די אידען, און דערלויבט נישט, אז מ'זאל זיי ארויסטרייבען.

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז דער דאזיגער פרעזידענט האט קיינמאל נישט באהאלטען זיין אנטיסעמיטיזם, זיינע רייד זענען א סך מאל ציטירט געווארען פון אנטיסעמיטען, אבער ער האט זיין אייגען אנגעצונדען פייער קיינמאל נישט געלאשען. ער האט קיינמאל נישט געפונען פאר נויטיג צו לייקענען זיינע אנטי־אידישע דעקלאראציעס.

וואס פאדערען די אנטיסעמיטען? זיי פאדערען מען זאל נאציאנאליזירען דעם האנדעל פון די "פאליאקאס", פון די אידען וואס זענען, מיט א פערטעל יאהרהונדערט צוריק, געקומען, מייסטענס פון פוילישען שטעטעל זשעליבאוו. דאס ווארט נאציאנאליזירען ווערט ביי זיי נישט פארטייטשט ווי רעגירונגס־קאנטראל, נאר די אנטיסעמיטען פאדערען אפען און ברוטאל, אז קאסטא ריקאנער זאלען איבערנעמען די אידישע געשעפטען און דעם אידישען האנדעל. אידען האבען מצליח געווען אין דער קליידער־אינדוסטריע און די שונאי ישראל ווילען עס אוועקרויבען.

דער פירער פון דעם אידען־פרעסערישען "פאטריאטישען ראט", (כונטא פאטריאטיקע), דער קאסטא ריקאנער היטלער הייסט אלעכאנדרא גארשיא. ווען דער אינערן מיניסטער האט זיך ענדליך דערשראקען פאר דער עפענטליכער דעמאנסטראציע וואס די שונאי ישראל האבען צוגעגרייט, אויף דעם 25טען מאי, האט ער זיך געבעטען ביים סעניאר גארשיא, אז די דעמאנסטראציע זאל פארקומען אין א זאל, אונטער דער שוץ פון דער ליבעראלער מאדאם קאנסטיטוציע.

ווען מען נעמט אין באטראכט די היטלעריסטישע העץ־ארטיקלען און די פאגראם־בריוו וואס ווערען אפען געדרוקט אין דער קאסטא ריקאנער פרעסע און וואס זענען פארעפנטליכט געווארען, ווי אויל אויפ'ן פייער, ערב דער געפלאנטער גאסען־דעמאנסטראציע געגען "אידישען האנדעל", און מען זעט נאך דערצו, ווי די בעאמטע זענען מטמא דאס ווארט דעמאקראטיע, און לאזען עס נישט ארויס פון מויל, מוז מע. קומען צום טרויעריגען אויספיר, אז די אידען אין קאסטא ריקא זענען שוצלאז.

באלד װי מיר האבן געהערט װעגן די דאָרטיקע העצעס, האָבן מיר באשלאָסן זיך שטעלן אין קאָנטאקט מיטן ײדישן װעלט־קאָנגרעס און אין א באשטימטן טאָג, זאָלן זשעלעכאָװער דעלעגאַציעס אין אלע לענדער װאו נאָר עס געפינען זיך זשעלעכאָװער, צוזאמען מיט א פאָרשטײער פון װעלט קאָנגרעס, אינטערװענירן בײ די קאָסטאַ־ריקאַנער קאָנסולן און איבערגעבן א פּעטיציע אונטערגעשריבן דורכן פארבאנד פון די

זשעלעכאָװער איבער דער װעלט, אָבער פאר אלעם האָבן מיר באשלאָסן זיך װענדן צו אונזערע זשעלעכאָװער װעלכע זאָלן זיך בּאראטן מיט די דאָרטיקע ײדן, צי מיר זאָלן די אָקציע אונטערנעמען.

דער ענטפער איז געװען אז סאיז געװאָרן רואיק, די לאגע איז טאקע געװען זײער ערנסט די אַנטיסעמיטן האָבן גערופן צו פאָגראָמירן און פארניכטן אלץ װאָס איז ײדיש, אָבער אין די לעצטע מינוט האָט דער אמעריקאנער סטײט דעפארטמענט דורך דער אינטערװענץ פון ײדישן װעלט קאָנגרעס, אינטערװענירט בײ דער רעגירונג און אלץ האט זיך אײנגעשטילט.

כאראקטעריסטיש װי שנעל זײ כאפן דעם הײנטיקן סטיל...לעצטענס האָט דער קאָסטאריקאנער פרעזידענט געהאלטן א רײדע צום עפענען א װעג, האָט ער דערקלערט, אז די רויטע האָבן אָנגעפירט דעם קאמף קעגן אונז (א טײערער מאַטעריאל פאר א געװיסן סאָרט צײטונגען) און אין די לעצטע מינוט איז עס אים געלונגען צו דערשטיקן.

טראָץ דעם װאָס די לאגע איז יעצט רואיקער, זוכן אָבער פיל ײדישע משפחות א װעג װאוהין ארויסצופארן, צו קאָנען לעבן רואיקער.

אונזער פרויען־גרופע אין אויסטראליע

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פרויען־גרופע, באטראכטנדיק די ערנסטע לאגע פון אונזער בולעטין און ספעציעל דעם איבערגעבליבענעם דעפיציט פון 1951 און פארשטײענדיק אז אזױן צושטאנד שטעלט אין געפאר דעם עקזיסטענץ פון אונזער בולעטין, האָבן מיר באשלאָסן צושיקן 100 דאָלאר װאָס זאָל העלפן דעקן דעם דעפיציט פון 1951 אין דערװארטונג אז אנדערע גרופעס זאָלן נאָכטאָן אונזער בײשפיל.

און כדי אז מיר זאָלן נישט בלויז פאָרשלאגן (װי טײל טאָען דאָס) האָבן מיר באלד דאָס געלט ארויסגעשיקט אין דער האָפנונג, אז דאָס װעט פארלײכטערן די ארבעט פון רעדאקציע־קאָלעגיום.

דערהאלטענדיק דעם בולעטין מיט דער װענדונג פון אונזער לײביש צו העלפן אים ארויסגעבן דעם יזכור אלמאָנאך, האָבן מיר גלײך גערופן א מיטינג פון אונזער קאָמיטעט און מיר האָבן באשלאָסן דורכצופירן אן אפיל צװישן אונזערע פרויען און פרײנט, פאר אָט דער ארבעט האָבן זיך גלײך געשטעלט די פאָלגענדע פרויען:

פרוי ח. ליכטענשטײן, די פרוי פון יעקל ליכטענשטײן, מאניע האָכגעלערנטער די פרוי פון שמילקע האָכגעלערנטער, ראָזע שנאפסטײלער די פרוי פון יחיאל שנאפסטײלער־נישט קײן זשעלעכאָװערן, געבוירן אין אויסטראליע און איר איבערגעגעבנקײט צו אונזער ארבעט איז אָן א גרענעץ.

דער אפיל איז אדורך מיט גרויס דערפאָלג און די 100 דאָלאר װעלכע מיר האָבן צוגעטראָגן, איז שוין קװיטירט אין מערץ־אפריל בול.

און אָט האָבן מיר געלײענט אין בולעטין פון יאנואר־פעברואר װעגן א װענדונג פון א זשעלעכאָװער, װעמען עס דראָט בלינד צו װערן מיר האָבן אויך אויף דער װענדונג זיך אָפגערופן און ארויסגעשיקט צו אײך 25 דאָלאר אין דער האָפנונג אז נאָך זשעלעכאָװער װעלן נאָכטאָן אונזער בײשפיל, װײל װער זאָל אים העלפן אויב נישט מיר?

אויך האָבן מיר באשטימט 25 פונט אויף צו שיקן פעקלעך שפּייז קיין ישראל פאר די וועלכע נויטיקן זיך און מיר שטייען פאר דעם צוועק אין קאָנטאקט מיט פריינט ליביש.

מיר באמיען זיך דורך אונזערע צוזאמענקומען, דערנענטערן איינעם צום צווייטן און באקאנען אונזערע פרויען מיטן שרייבן פון אונזערע זשעלעכאָווער, וועמענס ביכער מיר לייענען אויף אונזערע צוזאמענקומען.

מיר האָבן געהאט א ספּעציעל איינגעאָרדנטן אָוונט אין הויז פון חנטשע רובינשטיין, וואו פרוי מאניע האָכגעלערנטער האָט אונז איבערגעגעבן גריסן פון זשעלעכאָווער אין ישראל, נאָך וועלכע עס האָט זיך ענטוויקלט א דיסקוסיע אין וועלכע אלע האָבן זיך באטייליקט.

פון אונזערע באשיידענע איינאמען, האָבן מיר אויך זיך צו באשטייערן פאר יעדן אפּיל פון אונזער ישוב אין מעלבורן.

אונזער ארבעט וועט אונז געבן די געהעריקע סאטיספאקציע, אז אונזערע זשעלעכאָווער פרויען אין ישראל, קאָסטא־ריקא, ארגענטינא און פאריז, וועלן נאָכטאָן אונזער ביישפּיל, ס'איז אן ארבעט וואָס גיט באפרידיקונג, מ'דארף בלויז האָבן ווילן.

ציטוועליקע סעקרעטארן

פראדל גאָרפינקל־געכט מעלבורן.

פּראָטאָקאָל פון דער פארברייטערטער זיצונג פון דער פארוואלטונג עולי זליכוב מיט איינגעלאדענע חברים,

פאָרגעקומען דעם 17טן יוני 1952

אין דער זיצונג האָבן זיך באטייליקט: פארוואלטונג־מרדכי אישטוב שרה און מרדכי שפּייזמאן, סימע און אריה גדאנקען, ישכר גדאנקען.

איינגעלאדענע חברים: חוה ליסטעק, יצחק אבראמאָוויטש, יהודה בן שלום און מענדל לאָפמאן פון חיפה, א.וו. יאסני, שמואל לאקסמאן, משה אייזענהאנד ברזלי, אריה לעדערמאן, מאיר ספּעקטאָר, שרה רוסאק און מאניע שארפהארץ.

די זיצונג ווערט געפירט פון מרדכי אישטוב, דעם פּראָטאָקאָל פירט יהודה בן שלום.

מרדכי אישטוב אין זיין ערשטן וואָרט דערקלערט, אז צוליב די פארשפּרייטע בלבולים לגבי זיין פערזאָן, איז ער געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין טעטיקייט אלס סעקרעטאר און פארוואלטונגס־מיטגליד ער לייענט דורך די נאָטיצן אין בולעטין נומער 1־2 פון 1952, אין וועלכע עס ווערט דערמאָנט א בריוו פון מאניע שארפהארץ מיט די בלבולים אויף זיין פערזאָן, ער שלאָגט פאָר צונויפרופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג.

מרדכי שפּייזמאן פאראורטיילט שארף די בלבולים קעגן ח״ אישטוב און די אָנגריפן אויף אנדערע פערזאָנען פון דער פארוואלטונג, האלט אונטער ח״אישטובס פאָרשלאג, צוגעבנדיק אז די בעראטונג דארף אויסוויילן א רעווידיר־קאָמיסיע, וואָס זאָל אויפנעמען אלע טענות, כדי די פארזאמלונג זאָל קאָנען פאָרקומען אין א רואיקע אטמאָספערע.

די ווייטערדיקע רעדנער, יהודה בן שלום, יאסני, משה ברזלי מ. ספּעקטאָר, שמואל לאקסמאן און אריה לעדערמאן, פאראורטיילן אין זייערע

װערטער די גרונטלאָזע באשולדיקונגען קעגן אישטוב און אנדערע פארװאלטונגס־מיטגלידער. א.װ. יאסני טראָגט ארײן א פאָרשלאג, אז מזאָל אויסהערן א דערקלערונג פון מאניע שארפהארץ.

מאניע שארפהארץ דערקלערט, אז זי האָט אין איר בריף צו איר מומע אין בראזיל נישט געשריבן קײן שום שלעכטס װעגן אישטובן און דער גאנצער אינצידענט איז א רעזולטאט פון א מיספארשטענדעניש, זי זאָגט צו אָפּצושיקן אזא דערקלערונג אין בולעטין.

מאניע שארפהארץ אפעלירט צו ח״אישטוב, אז ער זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון זײן טעטיקײט אין דער זשעלעכאָװער לאנדסמאנשאפט, װײל אָן אישטובן װעט די לאנדסמאנשאפט צופאלן.

נאָך א דיסקוסיע איבער פאָרשידענע פאָרשלאגן, װערט לסוף באשלאָסן.

די פארזאמלטע, אויסהערנדיק די דיסקוסיע און דערקלערונגען שטעלט פעסט: אלע באשולדיקונגען קעגן ח״אישטוב און אנדערע פארװאלטונגס־מיטגלידער זײנען גרונטלאָז. די פארװאלטונג װערט אויפגעפאָדערט װײטער צו פירן איר ארבעט, כדי צו מאכן א סוף צו די אלע רכילות װערט אויסגעװײלט א קאָמיסיע פון פינף פערזאָן װאָס װעט קאָנטראָלירן די חשבונות, אויפנעמען און באהאנדלען אלערלײ טענות צו דער פארװאלטונג און ברײנגען א באריכט צו דער אלגעמײנע פארזאמלונג.

דער פראָטאָקאָל און די באשלוסן פון דער בעראטונג, דארפן פארעפענטליכט װערן אין נאָענטסטן נומער בולעטין.

צום סוף װערט אויפן פאָרשלאג פון ח״ אישטוב באשלאָסן ־ מאכן א זאמלונג לטובת דעם יזכור בוך. באלד אויפן אָרט האָבן זיך באשטײערט :מרדכי שפײזמאן 15 דאָלאר, יעקב שפײזמאן 10ד.מרדכי אישטוב 5 ד.משה אײזענהאנט 10 ד.מאיר ספּעקטאָר 10 ד. א.װ. יאסני 5 ד. מאניע שארפהארץ 5 ד.אריה געדאנקען 5 ד.יצחק אבראמאָװיטש 5 ד. שרה רובין 5 ד.חוה ליסטעק 5 ד.משה גלוזמאן 10 ד.שמואל לאקסמאן 3 ד.שכר געדאנקען 3 ד.אריה לעדערמאן 3 ד. יעקל װעלנער 1.50 צוזאמען 100 דאָלאר װעלכע זײנען שוין קװיטירט געװאָרן אין בול. נומער 12־11 פון 1951

עס װערט אויך באשלאָסן, אז אין פארלויף פון נאָענטסטן חודש דארף יעדער אבאָנענט פון בולעטין באצאָלן פארן יאר 1952.

הלװאות

עס איז באשלאָסן געװאָרן ארויסצוגעבן פאָלגענדע הלװאות: מענדל לאָפּמאן ־ 150 פונט, אויסצוצאָלן 5 פונט א חודש.

חסדא בורקשטײן 150 פונט אויסצוצאָלן 5 פונט א חודש. בײדע הלװאות װערן געגעבן אויף דירות (שיכונים) חסדא בורקשטײן באקומט די הלװאה נאָכדעם, װען ער װעט האָבן אײנגעצאָלט די ערשטע ראטע אויף דער װאוינונג.

בײם באהאנדלען די פינאנץ־ענינים איז באשלאָסן געװאָרן אויסצוטײלן 1000 פונט אויפן צװעק פון פארײביקן אין ישראל דעם אנדענק פון די קדושי זשעלעכאָװ. די דערמאָנטע סומע װעט געשטעלט װערן אויף א ספעציעלע באנק־קאָנטאָ אויף די נעמען פון מרדכי שפײזמאן, מרדכי אישטוב און אריה געדאנקען.

א בריף פון מאניע שארפהארץ

צום צײטװײליקן קאָמיטעט פון יוצאי זליכוב

די אײנציקע זאך װאָס איר האָט אויפגעטאָן אויף די לעצטע זיצונג דעם 16טן יוני און װאָס װעט לויט מײן מײנונג ברײנגען נוצן פארן זשעלעכאָװער ארגון איז, אז יעדער קאָן צוטראָגן זײן מײנונג װעגן די ביזאיצטיקע ארבעט.

איך גלויב, אז קאָנטראָלירן די ביכער האָט קײן שום צװעק נישט, אין ביכער שטײען נישט געשריבן אלע עװלות װאָס עס איז אָפגעטאָן געװאָרן לגבי חברים, מיט װעמען מהאָט זיך באדאָרפן אביסל מער אינטערעסירן.

אויך איז נישט געשריבן אין די ביכער װעמען מהאָט גיט באלוינט פאר האָבן א גוטע מײנונג איבער דעם פריעריקן קאָמיטעט פון ארגון אין ישראל.

דער ארגון אין ישראל באשטײט נישט בלויז פון עטליכע מענטשן, מען מוז זיך רעכנען מיט אלע זשעלעכאָװער און נישט שעמען זיך מיט קײן זשעלעכאָװער, אויב נישט האָט די גאנצע ארבעט נישט דעם װערט פון די אָנשטרענגונג װאָס מ'לײגט אין איר ארײן.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די זשעלעכאָװער װעלכע האָבן א דאנק דעם זשעלעכאָװער ארגון מיט א פארלײכטערונג באקומען א פרידזשידעיר אָדער באקומען רעגלמעסיק פאקעטן און מען מאכט צוזאמען נשפים און מען פארברײנגט צוזאמען, די װעלן נישט לאָזן קײן שלעכט װאָרט אויסרײדן אויף דעם װעד.

איך װאָלט געקאָנט אָנרופן נעמען פון זשעלעכאָװער װאָס זײנען יעצט נישט די שרײער, נאָר דאגעגן, זײ זײנען יעצט די אויסדערװײלטע גיטע קינדער, און מען איז צו זײ געקומען דאָס ערשטע מאָל אײנמאָנען פארן בולעטין, האָבן זײ דערקלערט אז זײ זײנען איבערהויפט נישט קײן זשעלעכאָװער און זײ װעלן נישט געבן קײן פיאסטער און אנדערע האָבן דערקלערט אז זײ װעלן זיך נישט ארומטראָגן מיטן בולעטין װי עלקאלע סאכיעס מיטן סידור.

איך דאגעגן, װען איטע הינאָגראד האָט מיר געזאָגט אז עס שאפט זיך אן ארגון און עס װעט יעדן מאָנאט ארויסגײן א בולעטין װעלכער װעט פאראײניקן אלע זשעלעכאָװער איבער דער גאנצער װעלט בין איך געװען פון די ערשטע געבנדיק דעם ערשטן פונט פארן בולעטין. און דאן האָב איך אויסגעזען אין תל־אביב װי א פרישע עולה װאָס איז נאָרװאָס געקומען אין ישראל.

די זשעלעכאָמער אין ישראל װײסן אז װען איך האָב פארלאָזט הרצליה און געקומען קײן תל־אביב, בין איך געװען אין א מצב נישט בעסער װי די הײנטיקע עולים, האָט זיך װעלכער זשעלעכאָװער מיט מיר פאראינטערעסירט? נײן! איך בין אלעס איבערגעקומען און הײנט שטײ איך נישט הונטערשטעליק פון אלע זשעלעכאָװער

איך האָב אָנגעהויבן דערהאלטן יעדן מאָנאט דעם בולעטין, װעלכער מאכט אויף מיר אן אויסערגעװײנליכן אײנדרוק, איך קאָן יעדן בולעטין אויסנװײניק, עס דערמאָנט מיך מײן יונגנט, מײנע קינדעריאָרן, אָנרופנדיק פארשײדענע נעמען פון חברים און חברות װאָס געפינען זיך איבער דער גאנצער װעלט.

שוין א לאנגע צײט, אז עס הערשט א נישט צופרידנהײט צװישן זשעלעכאָװער אין ישראל, מײן מײנונג איז, אז דער בלאָטער האָט שוין לאנג באדאָרפן אויפגעשטאָכן װערן און נישט לאָזן אָנציהען דעם גאנצן קערפער, אָבער װי זאָגט מען? בעסער שפעטער אײדער קײנמאָל.

זאָל זיך יעדער זשעלעכאָװער ארויסזאָגן װאָס עס דריקט אים און דאן װעט זיך אלץ אויסקריסטאליזירן.

לויט מײן מײנונג איז די עצם זאך װיכטיקער װי די אלע פארדרוסן און רעדערײען און יעדער מוז זיך דערפון באפרײען, כדי ער זאָל האָבן צוטרוי און זיך באציהען מיט רעספעקט צום קאָמיטעט, אָן דעם, קאָן קײן ארבעט נישט געפירט װערן.

פון װאנען נעמט זיך בײ מיר דער געדאנק פון
נישט צוטרוי און פארדרוס?

איך בין מיט א יאָר צוריק קראנק געװען, עס האָט זיך נישט געפינען קײנער, אחוץ יטע װינאָגראד און כעלא װעצערמאן, װאָס זאָלן זיך מיט מיר אינטערעסירן, אָפטמאָל איז א גוט װאָרט מער װי מאטעריעלע הילף אין װעלכע איך האָב זיך נישט גענויטיקט, קאָן זײן װען איך װאָלט חלילה געװען געשטאָרבן, װאָלטן אלע זשעלעכאָװער אנטײל גענומען אין מײן לויה, אָדער װען איך מאך א נשף, װאָלטן אפשר די זשעלעכאָװער אויך אנטײל גענומען, אָבער באזוכן א לאנדסמאן װאָס האָט צרות דאָס איז נישט נויטיק.

אינדערזעלבע צײט זײנען אָנגעקומען פאקעטן פון אמעריקא און א זשעלעכאָװער האָט פאָרגעלײגט מזאָל מיר געבן א פאקעטל, װײל איך בין נאָרװאָס געקומען פון אן אָפעראציע און האָב זיך נישט מיטװאָס צו שטעלן אויף די פיס האָט מען עס אָבגעװאָרפן.

פרעג איך בײ אײך, װער װאָלט געהאט א גוטע מײנונג װעגן אזא ארגון און נאָך א סיבה איך בין ארײנגעקומען אין א שטוב פון א זשעלעכאָװער װעלכער איז אין ועד און עס קומען דאָרט ארײן פיל זשעלעכאָװער די אויך פריש געקומענע, האָט מען דערצײלט אז עס פירט זיך נישט קײן אָרדנונג, אז עס קומט אָן פיל געלט פון אויסלאנד און מען װײסט נישט װי דאָס געלט קומט אהין, מען גיט נישט אָפ קײן חשבון.

װען איך װאָלט געװען גוט געשטימט לגבי דעם ועד װאָלטן אזעלכע געשפרעכן נישט געהאט קײן שליטה אויף מיר, אָבער אז איך געפין זיך אין פארדרוס האָט עס נאָך צוגעגעבן אומצוטרוי און פארשטארקט מײן פארדרוס־געפיל.

אינדערזעלבע צײט, האָב איך געקריגן א בריף פון מײן משפחה אין בראזיל און זײ האָבן זיך געפרעגט, צו מען אינטערעסירט זיך מיט מיר אין ישראל. דאָס איז געװען אין דער צײט פון מײן קראנקזײן, האָב איך זײ געשריבן דעם אמת, די זשעלעכאָװער אין ישראל האָבן זיך נישט פארדינט איך זאָל זאָגן ליגנט און דאָס האָט געשאפן דעם פארדרוס פון מײן משפחה אין בראזיל.

זײ זײנען 4 מענטשן צו געבן געלט זײ װאָלטן זיכער פיל געלט געגעבן װען איך שרײב זײ אז איך בין נישט פון אײך פארלאָזט,

איך האָב אויך א קוזינע אין קאָלאָמביע װאָס װאָלט זיכער צופרידן געװען צו הערן פון מיר, אז װען איך בין געװען קראנק האָבן זיך די זשעלעכאָװער מיט מיר פאראינטערעסירט.

עס הערשט בײ אונז אין לאנד דעמאָקראטיע, טאקע זײער א שלעכטע זאך פאר די װאָס האנדלען שלעכט, אָבער פאר די בעולהטע איז עס א געװיסע סאטיספאקציע, אז מקאָן זיך כאָטש פרײ ארױסזאָגן, זיכער איז עס אומבאקװעם פאר די, װעלכע שאפן די שלעכטע לאגע.

עס איז מיר אביסל לײכטער געװאָרן אױפן הארץ, איך האָב זיך אביסל אראָפגערײדט אלץ װאָס איך האָב דערקלערט אױף דער זיצונג איז געװען פאלש, איך האָב עס דערקלערט אין צושטאנד פון אױפרעגונג און פארדרוס, פונקט װי איך האָב װען סאיז געשריבן צו מײנע קרובים אין בראזיל.

אין א הײסן מאָמענט, אין א צושטאנד פון אױפרעגונג, האָט מען אָפטמאָל נישט קײן קאָנטראָל איבער װערטער אָדער מעשים, יעצט האָב איך זיך אױסגעניכטערט. איך װיל זיך רײנװאשן פון אלע שלעכטע געדאנקען, װאָס האָבן זיך ארײנגעגנבעט אין מײן געדאנק, איך װיל זעען אין ישראל אן ארגון יוצא זשעלעכאָװ אָן פאלשקײטן און גערעכטע ארבעט.

איך דערקלער, אז איך האָב אפילו נישט אײנזינען געהאט דאָס, אין װעלכן חבר לײביש װײסלעדער איז מיך חושד און זאָל זײן שלום איבער דער װעלט און אױך צװישן אונזערע זשעלעכאָװער, װײל קריג ברײנגט קײנמאָל נישט קײן נוצן.

פאראן מײנונגען בײ זשעלעכאָװער, אז מיר דארפן נישט מער די גאנצע ארבעט, איך זאָג נײן! דאָס טאָר נישט אונטערגײן, דאָס איז א הײליקער דענקמאָל נאָך אונזער שטעטל זשעלעכאָװ. איך האָב זאָגאר דעם מוט צו בעטן אנטשולדיקונג, אויב איך האָב װעמען עס איז באלײדיקט.

לײביש װײסלעדער האָט מיך ארױסגערופן אין בולעטין און דאָס האָט בײ מיר דערװעקט א װילן אָנצוהאלטן א קאָנטאקט מיטן בולעטין, װען דער חשובער חבר װײסלעדער װעט מיר דערלױבן, װעל איך פון צײט צו צײט עפעס צוטראָגן פארן בולעטין, איך בין נישט קײן שרײבער און אױך נישט קײן רעדנער, איך האָב אָבער א הארץ מיט גרױסע סענטימענטן פאר יעדן זשעלעכאָװער.

איך נעם אױף זיך א שטראָף, ביז יעצט האָב איך נאָר גערײדט, יעצט װעל איך עפעס טאָן, װעל איך אפשר נישט רײדן, אױב איך דערװארט פון װעמען עפעס צוטאָן, װיל איך קודם כל אלײן עפעס טאָן. איך נעם אױף זיך יעדע ארבעט, װאָס דער ארגון װעט פאר מיר באשטימען.

מיט גרױס כבוד מרים שארפהארץ ־גינזבורג

10 יאָר זשעלעכאָװער אומקום!

דער איצטיקער בולעטין איז פאר די מאָנאטן מאי־יוני, אָנגעפאנגען דערמאָנען װעגן אײנאָרדנען טרױער אקאדעמיעס צו די 10 יאָר זשעל. אומקום, האָבן מיר אין יאנואר־פעברואר נומער, ד.ה. שוין 5 מאָנאטן אחוץ װאָס מיר דערמאָנען אין בריף און דערװײל האָבן זיך אָפגערופן מיט מעלדונגען װעגן אײנאָרדנען אזעלכע אָװנטן בלױז עטליכע, פאריז, בראנקילא און אױסטראליע, סאיז א גרױסער שאָדן, אײגנטליך האָט דאָך אונזער גאנצע ארבעט באדאָרפן זײן א געװיסער אָנדענק פאר אונזערע אומגעקומענע, װעמען מיר האָבן נישט געקאָנט העלפן און דעריבער טוען מיר זײער לעצטן װילן, פון העלפן כאָטש די װײניקע לעבן־געבליבענע, איז דאָך זיכער א הײליקער חוב צו דערמאָנען אונזערע קדושים צום 10טן יאָרטאָג פון זײער אומקום, װײזט אָבער אױס אז

אונזערע אפילן, אונזערע װענדונגען, אונזער שרײבן פאלן אויף טױבע אויערן, לאָמיר אײך אָבער זאָגן, אז עס האָט פאָרט א װירקונג, אויב נישט אויף אײך, איז עס אויף אונז, איך ברעך זיך טײערע פרײנט, איך װעל עס אויך נעמען אויפן זעלבן װעג, איך האָב שוין מער נישט קײן כוח דערצו.

אויב איך שרײב עס רײדנדיק װעגן יאָרצײט אָװנטן, מײנט עס נישט אז בלויז אויף דעם אָפּשניט הערשט אזײן צושטאנד, נײן, כמעט אין אונזער גאנצע ארבעט, װענדונגען בלײבן כמעט נישט גיענטפערט, אנדערע פראגן, די נויטיקסטע אין אונזער ארבעט ציט מען אָפּ פאר װאָכן און װאָכן און דאן זײנען די ענטפערס אמײנסטן נעגאטיװע, פארװאָס זשע טײערע פרײנט זאָל איך זיך האָבן אָנגעזעצט אויף אײער קארק?

איך װעל פון איצט אָן בלויז נאָטירן זאכן װי זײ זײנען. ביז הײנט האָב איך דערהאלטענע ארטיקלען פארן יזכור־בולעטין װעלכער װעט אָנקומען אין צײט צו די יאָרצײט אָװנטן פון: שאָלעק פּאנאמא, צביה ראָזענטאל באראנקיללא, שמעון גובערעק באָגאָטא, משה באָרוכאָװיטש ניו יאָרק, פראדל גאָרפינקל, גדליה אָשלאָקס טאָכטער אויסטראליע און עטליכע צוגעזאָגטע ארטיקלען.

לײביש

פעקלעך שפּײז קײן ישראל

װידער װיל איך אָנמערקן, אז דאָס שיקן א פעקל שפּײז צו א זשעלעכאָװער אין ישראל איז נישט קײן אקציע פון אונז, מיר שיקן עס אויך נישט צום קאָמיטעט פאר פונאנדערטײלן, סאיז אָבער אין אינטערעס פון אסך זשעלעכאָװער אין ישראל, װעלכע נויטיקן זיך דערין און עס איז אויך פון די קלײנע זאכן בײ די מערסטע זשעלעכאָװער איבער דער װעלט.

ביז איצט האָבן געשיקט די זשעלעכאָװער פרויען־גרופּע אין אויסטראליע עטליכע פעקלעך צו פערזאָנען װעלכע זײנען אונז באקאנט, א פרײנט פון פאנאמא געשיקט 2 פעקלעך פאר 20 דאָלאר פון דער זשעלעכאָװער פרויען גרופּע אין באראנקיללא האָב איך. געשיקט 2 פעקלעך צו. 2 פערזאָנען װעלכע נויטיקן זיך שטארק דערין.

װעגן אלע אזעלכע פראגן זיך צו שטעלן מיט מיר אין קאָנטאקט בריפליך.

לײביש

ביכער־פאָנד

צוביסלעך נאָך לאנגע מאָנאטן װארטן קומען אָן צוביסלעך ענטפערס װעגן /די געשיקטע ביכער, אײניקע ענטפערס זײנען װײט נישט באפרידיקט, עס איז אָבער גוט װאָס עפּעס אן ענטפער קומט פאָרט.

פאָלגענדעס האָבן מיר דערהאלטן

פארקויפטע 27 ביכער אין ישראל	58.00
פארקויפטע 13 ביכער אין סאנטאָס, בראזיל	50.00

צוזאמען	108.00
דעפיציט אין מערץ־אפריל בולעטין	220.48
בלײבט א דעפיציט פון	112.48

פּעלא(פּייגאלע)וויערזשביצקא,די
טאכטער פון האדעס און שׂמעון
וויערזשביצקי אין ארובא,
צו איר גראַדואירונג דעם 9טן
יוני פון פענן-האלל דזיונאר
קאלעדזש,אויפן מוזיקאלישן
פאקולטעס.

צו די תנאים פון שמעון
גובערעקס טאכטער אסתר
מיט פר.אַבעל קאפלאן,
פארגעקומען אין באגאטא
דעם 19טן יולי.
דאס בילד אויבן,חתן-כלה
אונטן,די כלה און איר
שוועסטער.

מארטיקא ראזענבערג,9 יאר אלט,דורכגעמאכט א
3 יאריקע הערצל-ביאליק העברייאישע שול.
די סאכטער פון יאסל און העניע ראזענבערג
קאראקאס ווענעזועלא

בעליטא ראזענבערג,די טאכטער פון יאסל און העניע
ראזענבערג אין קאראקאס-ווענעזועלא.
די לעצטע וואך געהאט עקזאמענס מיט 21 פונקטן,
עס פעלן בלויז 2 יאר צו באקומען טיטול פראפעסאר
פון פיאנא,אויך געענדיקט 6 קלאסן שולע אין
בוכהאלטעריע און קאמערץ.



א שמחה צום 9 יאריקן געבורטסטאג פון מארטיקא ראזענבערג,די טאכטער פון יאסל און העניע ראזענבערג אין קאראקאס-ווענעזועלא ערשטע רייע פון רעכטס צו לינקס:יוסף נירענבערג,יאסל ראזענבערג,(שטייענדיק)סאמועל קליגער,די בר שמחה,מארטיקא ראזענבערג,אברהם איגליצקי און אונזער חשובער מיטגליד ר.מרגליות.

2טע רייע פון רעכטס צו לינקס:דינה נירענבערג,איר זונעלע, משהלע,מלך ראזענבערג,זיין פרוי און קינד,פרוי קליגער,בעליטא ראזענבערג,העניע ראזענבערג,מנוחה איגליצקי און איר זונעלע משה.



חתן-כלה, ראכמיל כאבערמאן און פר.
גרינפעלד צו זייער חופה אין
באראנקיללא.

חתן-כלה, רעכטס, עלטערן פון חתן, גאלדע און שיע כאבערמאן,
לינקס די עלטערן פון דער כלה און צערעמאניע-פריינט.

צו די תנאים ביי שמעון
גובערעקס טאכטער:
אויבן,שמעון און זיינפרוי
אינמיטן חתן און כלה.
אונטן,אין פראנט חתן-כלה
רעכטס שמעון,לינקס זיין
פרוי,אינמיטן די מחותנים

שלמה ברײנסקי א בן חמישים

יעדער פון אונזערע לאנדסלײט איבער דער װעלט, איז שטאָלץ מיט אונזער טאלאנטפולן שלמה, נאָך מער צוליב דעם װאָס בײ זײן גאנצן טאלאנט און בארימטקײט, איז ער פשוט, פאָלקסטימליך װי יעדער דורכשניטליכער מענטש.

דעם אפריל נומער פון 1950 האָבן מיר געװידמעט אונזער שלמהן און זײן שאפן, מיר האָבן דאָס געהאלטן פאר אונזער כבוד און פארן כבוד פון בולעטין.

איצט האָבן. מיר א ספעציעלע אורזאך פאר אויסדרוקן אונזער אנערקענונג און פרײד, צום 50יאָריקן געבורטסטאָג פון שלמהן.

(דעם 11טן יוני 1952) איז פאר אלעם װאונטשן מיר אים לאנגע יאָרן פון א צופרידן און פרוכטבאר לעבן מיט זײן פאמיליע, און אויך אויף װײטער װידמען זײנע שאפונגען אונזער אײגנארטיק לעבן פון אמאָל און אין אונזערע נײע הײמען.

מיר װילן אויך בעטן אלע אונזערע פרײנט, װעלכע האָבן װאָס צוזאָגן װעגן שלמהן, בײ אָט דער יום טובדיקער געלעגנהײט און װעגן זײנע שאפונגען.

ס׳איז אויך מער װי רעכט, אזוי אונזערע גרופן װי זשעלעכאָװער יחידים, זאָלן ארײנשיקן באגריסונגען צו אָט דער געלעגנהײט.

װאָס אונזערע פרײנט שרײבן.

פרײנט ש. יחסן דאװיד פאנאמא. שרײבט :

א פאָרשלאָג צום בולעטין

טײערע זשעלעכאָװער לאנדסלײט

װי ניט קײן זשעלעכאָװער בין איך דורכן בולעטין ארײנגעצויגן געװאָרן אין אײער זשעלעכאָװער משפחה און איך פיל זיך גיט מיט אײך װי אויך מיטן בולעטין, טען דער בולעטין קומט אָן, הגם איך האָב װאָס צו לײענען פון די שטאָטן, דאָך כאפ איך זיך ארום מיט אים, װי מיט א לעבעדיקן מענטשן פון זשעל.

איך דערזע די לאנדסלײט. איך טאפ װי מיט די הענט דאָס שטעטל סטראָגט מיך אװעק צו יענער גאָלדענער צײט סביבה און ס׳װילט זיך גאָרניט גלויבן אז אונזער שטעטעלע זשעל. איז שוין נישטאָ.

סלעבטן איך מיר אלע לעבן אויף אדאנק דעם בולעטין קריגן מיר נײע, פרישע אײנשפריצונגען װאָס שמעקן מיט הײמיש בלוט, מיט הײמלאנד װאָס מיר װעלן קײנמאָל ניט פארגעסן.

ס׳איז פאר אונז ניט קײן נײעס לײבישעס אָנשטרענגונג פארן בולעטין, װײס איך אויך שוין פון לאנג, אז דער בולעטין מאטערט זיך װאָס פארשאפט װײט נישט קײן פארגעניגן פאר לײבישן.

איך װײס אוי, אז ס׳איז שוין באלד אונמעגליך װײטער אזוי אָנצוגײן עס װאָלט געװען אויב נישט א חילול השם איז זיכער א פארברעכן, אז דער בולעטין זאָל אונטערגײן, אָדער מילד גערײדט נישט דערשײנען און בײ די יעצטיקע פינאנסיעלע אומשטענדן, זע איך ניט װי לאנג עס װעט מעגליך זײן דאָס ראנגלען זיך.

מאך איך דעריבער א פאָרשלאָג צו אלע לאנדסלײט אויף דער גאנצער װעלט, צו רעאגירן, זיך אָפצורופן, דיסקוטירן מײן פאָרשלאָג טעאָרעטיש

אָבער אויך גלײך פּראקטיש ממשותדיק, אזוי. לאנג װילאנג מיר האָבן נאָך דאָס זשורנאלכל און קאָנען דיסקוטירן.

מײן פאָרשלאָג

1/ חברים װאָס שרײבן פון צײט צו צײט, זאָלן ארײנשיקן עטליכע דאָלאר פון צײט צו צײט.

2/ אבאָנענטן זאָלן צאָלן 5 דאָלאר א יאָר און ניט װײניקער.

3/ דער בולעטין זאָל דערשײנען 2, העכסטנס 3 מאָל א יאָר.

4/ א פּריז זאָל באשטימט װערן פאר דער בעסטער אָנגעשריבענער זאַך דורכן יאָר.

איך שלאָג פאָר אז אין די ערשטע 2 נומערן זאָלן אלע שרײבן און װאָס מער איז בעסער און אין דריטן נומער זאָלן אלע ארײנשיקן זײערע מײנונגען װעלכער ארטיקל סאיז זײ בעסער געפעלן און װער סקריגט די מערהײט שטימען, דער קריגט א פּרײז אויף א העכסט דעמאָקראטישן אופן.

5/ האָט שטארק אײנזינען טײערע לאנדסלײט אז מיר האָבן נאָך גענוג צײט צו געבן דעם "בולעטין" א זײ געזונט באנקעט, זאָל ער נאָך לעבן מיט אונז. ער קאָן נאָך אסך נוצן ברײנגען.

זאָגט ארויס אײער מײנונג

פרײנט ג. אשלאק, סעקרעטאר פון דער פרעסע־קאָמיסיע
אין אויסטראליע, שרײבט:

נאָך 7 מאָנאטן װארטן, האָב איך דערהאלטן 25 בולעטינען, איך האָב זײ פארטײלט, טײלװײז די געלד אײנגעמאָנט, איצטער פעלן מיר אויס א 10 נומערן, צו װארטן נאָך 7 מאָנאטן װעל איך דערהאלטן נומער 1־2 פון 52טן יאָר דעם 3טן מאָנאט 1953.

פּאפּיר איז טאקע טײער, אָבער אזוי אויסגערעכנט קאָן מען נאָך נישט זײן און איך אדאנק גאָט, מאך נאָך מײן פרנסה אויסער די בולעטינען.

פרײנט מרדכי אישטוב פון ישראל שרײבט:

עטליכע װערטער װעגן שיקן פּעקלעך שפּײז קײן ישראל, איך פארשטײ דיך גענוי, דו װילסט און ביזט גרײט שטענדיק צו העלפן, מדארף אָבער נישט איבערטרײבן, די שפּײז לאגע איז װײט ניט קײן "קאטאסטראָפאלע, איך בין ניט קעגן אז א פאמיליע אָדער א פרײנט שיקט א מתנה א שפּײז־פּעקל, אָבער אין קײן פאל ניט װענדונגען צו פרעמדע מענטשן אמת געבוירענע זשעלעכאָװער, אָבער אײנער קאָן ניט דעם צװײטן.

אומאָסאר פליכט איז דאָס צו שיקן א פּעקל צו א פרעמדן מענטש װאָס אין די מערסטע פאלן איז דער דערהאלטער פון פּעקל בעסער אײנגעאָרדנט װי דער װאָס שיקט. אומאָסאר פּאניק שאפט איר דאָרט איבער ישראל; העלפט ניט דעמאָראליזירן מענטשן אין ישראל, שאפט ניט קײן פּעקלעך פּסיכאָז.

פרײנט יהודה בן שלום שרײבט :

אײער דיסקוסיע מיט מרדכי אישטוב האָב איך פאָרטגעזעצט בײ מיר אין שטוב בעת ער האָט מיר געברײנגט דעם אויבנדערמאָנטן בול. און איך בין מיט יעדן װאָרט אײערס מסכים אפילו װאָס אמבעלאנגט די חברים אין די קיבוצים, איר האָט דאָס זײער ריכטיק אויפגעפּאסט. עס באשטעטיקט זיך דאָס אלטע שפּריך װאָרט "א גאסט אויף א װײל־זעט אויף א מײל.

אין יעדע פאמיליע אין ישראל איז דאָס דערהאלטן א פּעקל שפּײז װאָס עס זאָל נאָר ניט זײן, א געשײעניש, אן אויסנאם זײנען בלויז די,

וועלכע קאָנען זיך דערלויבן באנוצן מיטן שווארצן מארק, נעמט אין אכט פריינט, אז דאָס שרייבט איך און אפשר געדענקט איר פריינט לייביש דעם ערשטן אָוונט פון אייער זיין ביי אונז, האָב איך פריערדיק געטענהט געגן שיקן פעקלעך בכלל אפילו פון מיין ברודער צו מיר, איך האָב דאָס אָנגערופן פשוט שנאָרעריי, נאָר עס איז געקומען די ווירקליכקייט און מיר אָנגעפאטשט דאָס פּנים.

בין איך זיך טאקע מודה ומתודה אמת אינם יעצטיקן מאָמענט איז דער סעזאָן פון גרינווארג און גרינווארג געפינט זיך בשפע איז שוין ממילא לייכטער צו פארגעסן אין אן איי, מארגארינע, בוים־איל א.א.וו. נאָר די פרייזן זיינען לעצטענס אזוי געשטיגן, אז פיל ארבעטער פאמיליעס קאָנען שוין דעם שפע ניט אויסנוצן, נאָר וואָס זשע? דוקא דערפאר וויל עס איז נישטא קיין פאָנד פאר פעקלעך שיקן דארף מען רעקאָמענדירן צו די פריוואטע פערזאָנען וועלכע שיקן, אז זיי זאָלן שיקן צו די אמיינסטן נויטיקע.

פריינט אברהם ראָכווערגער פון ארגענטינא שרייבט:

2. גארוואָלינער האָבן זיך געוואָנדן צו אונזער פאריין, מיר זאָלן זיי שיקן פעקלעך שפייז און מיר האָבן באלד ארויסגעשיקט 2 פעקלעך זאָל זיך דער קאָמיטעט אין ישראל ווענדן צו אונזער פאריין נאָך שפייז פעקלעך, איך קאָן נישט פארשטיין פארוואָס זיי ווילן ניט קיין פעקלעך שפייז, איינדערצייט ווען עס הערשט דאָרט אזיין מאנגל אין שפייז־פּראָדוקטן. קאָנסטרוקטיווע הילף איז פאר אונז אונמעגליך צו שיקן צוליב דער וואליוטע.

פריינט מרדכי פון ישראל שרייבט:

דו האָסט זייער שלעכט געטאָן מיט דיין פראגע "זייער דרינגנד" צוואָס האָסטו באדאָרפן שרייבן נעמען, דאָס ווערט אויפוועקן א פייער אין יעדע זשעלעכאָווער קאָלאָניע, סוועט אריינברענגען א שנאה און א ברוגז פון איינעם צום צווייטן און איבערהויפט צו דיר.

א פריינט וועלכער בעט נישט אָנגעבן זיין נאָמען שרייבט:

מיין מיינונג אלס א זעלכער וועלכער האָט דורכגעמאכט די גאנצע דייטשע אָקופאציע אונטער דער געהילפס־ממשלה פון יודן־ראט און יידישע פּאָליציי האלט, אז מטאָר נישט אין אונזער הייליקן בוך אריינגעבן די בילדער פון די יידישע רעגירער אונטער די נאציס.

איך וויל דערביי אָנגעבן א געוויסן פאקט, ווען מהאָט אינמיטן זשעלעכאָווער מארק דערשאָסן משה שארפהארץ, משה ליבעס זון און מ.א. האָט אפילו דער יודן־ראט פארשטאנען, ווען מהאָט זיי ארויסגענומען און איבערגעפירט אויפן בית־עולם, אז אָן אויסוואורף ווי מ.א. זאָל נישט ליגן לעבן די אנדערע 2 און דאָס זעלבע איז געווען מיט ש.ג.

מיך וואונדערט אָבער פונוואנען איר נעמט, אז יוסף מענדעזשיצקי איז געווען אין יודן־ראט עס איז דעריבער א מצוה לפרסם אז יוסף מענדעזשיצקי ע"ה איז נישט געווען אין יודן־ראט, ער איז געווען גאנץ ווייט פון זיי און דעם ייד האָט וויי געטאָן דאָס הארץ אויף דעם וואָס איז אָבגעטאָן געוואָרן.

נאָך מער האָט אים וויי געטאָן וואָס זיי האָבן אים ארויפגענומען אויף דער פאָטאָגראפיע צוזאמען מיטן יודן־ראט און פון גאנצן יודן־ראט איז לויט מיין מיינונג געווען בלויז איינער וואָס מען מעג נאָך אים זאָגן עליו השלום און דאָס איז געווען גרשון האָכגעלערנטער

זאָל דאָ אויך געזאָגט ווערן, אז אויך הערשל העפנער ע"ה און זיין ברודער זלמן ע"ה זיינען נישט געווען אין יודן־ראט.

א גרופּע פריינט פון אויסטראַליע שרייבן :

לאָמיר איך זאָגן פריינט לייביש, אז די געשיכטע פּאָליציאַנטן האָט אונז זייער שווער געטראָפן, מיר באשולדיקן קיינעם נישט אין דעם, מיר ווילן אָבער אויפקלערן, וואָס מיר ווייסן וועגן אָט דער פראַגע.

ווי מיר זעען לויט די מענטשן וועלכע האָבן געהערט צום יודן־ראַט אין פּאָליציי זיינען דאָס געווען שטילע און באשיידענע מענטשן און יידן, מיר וועלן נאָר דערמאָנען איניקע ווי גדליה קארפינקל גרשון האָכגעלערנטער, און משה ווייסלעדער לויט אונזער מיינונג, זיינען זיי געווען מענטשן אומפּעהיק צוטאָן וועמען סאיז שלעכטס, גלייכצייטיק זיינען די פּאָליציאַנטן געווען אי פּאָליציאַנטן אי מענטשן און יידן.

נישט איין ייד האָט אויך פון שמואל גאָלדפּיל באקומען מיט א שטעקן איבערן קאָפּ, נישט מעגליך נאָר זיכער האָט דער קלאַפּ אים ווי געטאָן נישט ווייניקער ווי דעם וואָס האָט דעם קלאַפּ באקומען, ער האָט עס אָבער געטאָן ווען א דייטשער זשאַנדאַרם איז אים געשטאַנען. אונטער די פּלייצעס, דאַקעגן ווען ער האָט געהאַט די מעגליכקייטן וועמען צו העלפן, האָט ער עס געטאָן.

אַזוי זיינען געווען אַלע מיטן אויסנאַם פון 3 פּאָליציאַנטן, דאָס זיינען געווען: מלך שארפהארץ חיים הינדערט און חיים בראָמבערג, וועלכע האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט אכזריות און צאַפּן געלט.

דעם גרעסטן האַס אויף די יידישע פּאָליציאַנטן און יודן־ראַט טראָגן די רייכע, ווייל ווי איר ווייסט, האָבן די רוצחים ארויף געלייגט הויכע געלט שטראָפן און דער יודן־ראַט האָט ארויסגעגעבן א ליסטע פון מערע פארמעגליכע צו שאפן דאָס געלט, מיינענדיק אז דאָס וועט ראַטעווען דעם כלל, די יידישע פּאָליציי איז געווען די איינמאָנערן, זיכער האָבן זיי נישט געקאָנט נעמען ביי די גרויסע אָרעמעלייט.

זיכער האָט איר מער וועגן דעם אויסגעפונען, סאיז בלויז אן אונטערשיד צו דער מענטש וועלכער גיט איבער איז דער וועלכער האָט באקומען מיטן שטעקן, אָדער וואָס דער זעלבער האָט ארויפגעשטופּט אין קעלער צו ראַטעווען פון די דייטשן.

פריינט משה ציבולקיעוויטש פון בראַנקיללא שרייבט:

לויט מיין מיינונג דארפן די וועלכע האָבן געפרעסן און געזאָפן און אויסגענוצט דאָס געפאלנקייט פון אונזערע שוועסטער און ברידער צו לעבן א גוטן טאָג, האפנדיק איבערצולעבן די מלחמה, אָט די אויסוואורפן דארפן ארויסגעבריינגט ווערן אין זייער גאנצער נאקעטקייט, אז זייער אָנדענק זאָל פארשאָלטן ווערן.

פריינט עליע ראָטערמאַן פון בראַנקיללא שרייבט:

לויט מיין מיינונג דארפן ארויסגעבריינגט ווערן די שיינע זייטן פון אידעאלע האנדלונגען פון א שמואל גאָלדפּיל און אנדערע וועלכע האָבן אונטער דעם נאַצישן טעראָר דאָך באוויזן ארויסצווייזן מענטשליכקייט אין דער חיהשער אטמאָספערע, דאַקעגן די וועלכע האָבן דורכגעפירט די פארטיליקונג פון אונזערע שוועסטער און ברידער דארפן אלס אזעלכע פארדאמט ווערן אויף אייביק.

פריינט משה בראָכאָוויטש פון ניו יאָרק שרייבט:

דערהאַלטענדיק דעם בולעטין און לייענענדיק דאָס ארטיקל פון חיהלע דראָמבוס, בין איך אינגאַנצן דערשיטערט געווען, דאָס שיינקייט פון

שרײבן און דער גרויל פון פאָרגעקומענעם האָבן אויף מיר געמאכט אן אויסערגעװײנליכן אײנדרוק לײענדיק דאָס ארטיקל, לעבט מען נאָך אמאָל דורך דאָס שוין איבערגעלעבטע, דאָס איז מאטעריאל פאר די װאָס װילן נישט פארגעסן װאָס מהאָט געטאָן צו אונז.

איך האָב דאָס ארטיקל עטליכע מאָל דורכגעלײענט מיר האָבן דערפון פיל צו לערנען, אזײן שרײבן דארף בלײבן לזכרון עולם, זאָל זי גלײך מיט אונז אלע אומגליקליכע עלטערן געטרײסט װערן פאר אונזער גרויסן צער, לאָמיר נאָך זוכה זײן צו זען די אמתע נקמה אין די שולדיקע פארן אומשולדיקן פארגאָסענעם בלוט "ונקיתי דמם לא נקיתי"

פרײנט יאָסקע משפטים פון סאנטאָס בראזיל שרײבט:

איך האָב אין די פארגאנגענע נומערן בולעטין געמאכט א פאָרשלאג װעגן קאָנען ארויסגעבן דעם אלמאָנאך אָן הלװאות, האָט מען מיך קריטיקירט און מיט רעכט, װײל איך האָב מײן פאָרשלאג נישט באגלײט מיט ממשותדיקעס, איך האָב בײ יענעם פאָרשלאג געמאכט א טעכנישן פעלער, איך האָב נישט צוגעגעבן אז די זשעלעכאָװער גרופּע אין סאנטאָס אין צאָל פון 6 װעלן זיך באשטײערן פארן אלמאָנאך.

זעט איר איצט פאריכט איך מײן פעלער און מיר באשטײערן זיך מיט 70 דאָלאר פארן אלמאָנאך װעלכע איך שיק אײך גלײך איבער, מיר װילן האָפן אז אנדערע זשעלעכאָװער איבער דער װעלט, װעלן נאָכטאָן אונזער בײשפּיל

פרײנט ישראל העפנער פון פאריז שרײבט:

איך װאָלט דיך. יעצט באדארפט האָבן לעבן מיר, אויסצוגיסן מײן ביטער הארץ, איך. בין צופיל אָנגעװײטאָגט, איך באמי זיך מיט אלע מײנע מעגליכקײטן. צו שטײן אין פארבינדונג מיט אלע זשעלעכאָװער אָבער פון אונזערע 36 זשעלעכאָװער אין פראנקרײך ענטפערט קײנער נישט אויף מײנע אלע װענדונגען.

מיט 4 מאָנאטן צוריק האָב איך ארויסגעשיקט א צירקולאר אין װעלכן איך האָב געמאָלדן אונזערע לאנדסלײט אז איך װעל זײ אויפנעמען יעדן זונטאָג פרי פון 10 ביז 12 װעגן הלװאות פארן אלמאָנאך װעגן בילדער און נעמען װי אויך װעגן אבאָנירן דעם בולעטין, האָבן זיך בלויז אײניקע געמאָלדן און מער קײנער נישט.

מיר האָבן גערופן אונזערע זשעלעכאָװער צו א טײ אװנט מיט אן אינטערעסאנטן רעפעראט זײנען צוליב דער היץ געקומען בלויז 5 זשעלעכאָװער, מיט א שװער הארץ שרײב איך דיר, אז איך האָב מער נישט קײן האָפנונג עפּעס צוטאָן פאר די אויבנדערמאָנטע פראגן.

פרײנדין רחל מילער פון װענעזועלא שרײבט:

פאר דער גאנצקײט פון אונזער ארבעט בכלל און אונזער בולעטין בפרט דארפן מיר אויסמײדן איבערדרוקן ארטיקלען פון צײטונגען און דערמיט נישט שטעלן אין סכנה דעם עקזיסטענץ פון אונזער בולעטין.

מיר האָבן גענוג אײגענע זשעלעכאָװער פעהיקע אָנצושרײבן ארטיקלען און איבערהויפּט אז דאָס קאָן פארהיטן די עקזיסטענץ פון אונזער בולעטין. איך װײס נישט װי די איבעריקע זשעלעכאָװער, נאָר איך געפין אין בולעטין אונזער אמאָליק לעבן, אונזער אמאָליקע באװעגונג און אלץ פארבינדן מיטן אמאָליקן זיסן עבר.

די חתונה אין קאָצק באשרײבן פון פרײנט שמואל טוכבראָך האָט מיך דערמאָנט אין אזויפיל שוין פארגעסענע נעמען.

הארץ צו הארץ ענטפער

איך װיל פאר אלעם אונטערשטרײכן, איך װיל קײנעם נישט זאָגן קײן מוסר און אויך קײנעם נישט לערנען, נאָך װײניקער װיל איך װעמען זאָגן שטראָף רײד, אלץ װאָס איך װעל דאָ באַרירן, איז בלויז אויפן גרונט פון מײן דערפארונג און צוליב מײן פאראנטװאָרטליכקײט פאר אָט די ארבעטן.

איך װאָלט גאָר געבעטן אלע אונזערע פרײנט צו מאכן בלויז ריכטיקע אויספירן פון מײנע רײד, פאָרװאורפן און פאָרשלאגן.

לײביש

טײערער פרײנט שלום

נישט סאיז מײן אויפגאבע װי אויך נישט מײן רעכט צו ענטפערן עפעס אויף אײער בריף צו שאָלעקן, שאָלעק װײסט װאָס צו ענטפערן, איך װיל בלויז מאכן אײניקע פעסטשטעלונגען:

אז אונזערע זשעלעכאָװער אין אויסטראליע זײנען פון די בעסטע װאָס מיר פארמאָגן, איז גאָר קײן פראגע נישט, מדארף בלויז דורכמישן אונזערע בולעטינען און זײער איבערגעגעבנקײט און אָפרוף איז קלאָר.

איך װײס נישט פארװאָס איר זאָגט: "װען פרײנט לײביש איז צוריק געקומען פון ישראל, האָט ער זיך געװאָנדן מזאָל די אקציע פאר א מאָנומענט יעצט אָבלאָזן און מזאָל יעצט מאכן אן אקציע פאר באלדיקע יהידישע הילף".

זײט אזוי גוט פרײנט אָ. לײענט דורך מײן שרײבן אין יוני־יולי בולעטין 1951 זײט 58, דאָס איז דער ערשטער נומער נאָך מײן צוריקקומען "האָבן מיר דעריבער 3 אויפגאבן, װאָס יעדע אויפגאבע פאר זיך, איז פון גרויס װיכטיקײט 1/באלדיקע הילף קײן ישראל, װעלכע קאָן נישט װערן אָפגעלײגט 2/ יזכור אלמאנאך, װעלכן מיר קאָנען נישט מער פארנאכלעסיקן 3/מאָנומענט אין ישראל", אלזאָ פרײנט אָשלאק, איך האָב נישט געזאָגט אז מזאָל די אקציע פאר א מאָנומענט יעצט אָבלאָזן

און נאָך מער, אפיסל װײטער שרײב איך" אין דערזעלבע צײט, האלט איך אויך פאר א פעלער װען פרײנט דערמאָנען בלויז באלדיקע הילף אָן א װאָרט װעגן א מאָנומענט װײל מיר פירן דאָך די אקציע אונטערן צײכן פון באלדיקע הילף און מאָנומענט.

לאָמיך אײך פר. אָ. דערמאָנען, אז איר האָט גראָדע אין אײערס א באריכט אין בולעטין פון אויגוסט־סעפטעמבער 1951 געשריבן "מיר האָבן אויך באשלאָסן צוצעטראָגן 300 דאָלאר פאר יהידישע הילף, װאָס איז באזונדער פון אונזער זאמל־אקציע פאר א מאָנומענט.

טײערער פרײנט ברוך דרעזנער

עס קומט אײך א דאנק פאר אײער װענדונג צו אונזערע לאנדסלײט אין באָגאָטא װעגן אָבאָנירן און אונטערשטיצן אונזער בולעטין, די פראקטיק האָט אָבער באװיזן, אז בלויז מיט פאפירענע װענדונגען קאָן מען קײן אָבאָנענטן נישט שאפן און פרײנדין שרה טוכבראָך האָט בײ אײך באװיזן, אז בײ א קלײנע אָנשטרענגונג באזוכנדיק די אָבאָנענטן אין זײער הײם קאָן מען שאפן אָבאָנענטן, פארװאָס זשע טאקע נישט צוהעלפן איר און שאפן א גרעסערע צאָל לײענער פון בולעטין?

רעכנט אײך נישט טײערער פרײנט מיט אומאנגענעמע דערפארונגען יעדער װאָס טוט געזעלשאפטליכע ארבעט װעט אײך קאָנען װעגן דעם אסך זאָגן, דארף מען אָבער דעריבער אראָפלאָזן די הענט?

טײַערער פרײַנט מרדכי

װער נאָך װי איך װײס װיפל רכילות עס איז פאַראַן אין אַלץ װאָס זשעלעכאָװער דערצײלן, אַז ־ אַז זײ האָבן געהערט דערצײלן.

איך װיל נישט דעקן אַלץ װאָס דער קאָמיטעט אין ישׂראל האָט געטאָן אָדער בעסער געזאָגט אַלץ װאָס ער האָט נישט געטאָן, אָבער לאָמיך דיר פרײַנט מרדכי צושרײַבן אַסך פון די שולד װאָס עס האָבן אונזערע זשעלעכאָװער אין ישׂראל/איך מײן נישט די אָרעמע/װאָלטן מיר נישט אָנגענומען אַלס אַ תּירוץ װאָס דו האָסט אַמאָל געשריבן, אַז בײַ אײַך איז נישט אָנגענומען אַרױסצושרײַבן די װעלכע באַשטײערן זיך, װאָלטן מיר די גאַנצע צײַט געװאוסט, אַז די זשעלעכאָװער אין ישׂראל, די װעלכע קאָנען האָבן זיך אױך מיט גאָרנישט באַשטײערט.

נאָך װען איך בין געװען אין ישׂראל און שאָלעק האָט פּראָקלאַמירט די אַקציע פאַר ישׂראל, אַזױ פאַר יחידישע הילף װי פאַר אַ מאָנומענט האָב איך געפאָדערט אַז דער קאָמיטעט זאָל זיך אין דער ערשטע רײ באַשטײערן. האָט מען מיר געזאָגט מען װעט עס שױן טאָן, לױט דײַנע רײד פר. מ. האָט מען דאָס נישט געטאָן, ממילא באַקומט זיך אַ גבאים גרופּע װעלכע פאַרװאַלטן מיט דערהאַלטן געלט און דאָס איז דאָך נישט װאָס מיר האָבן געװאָלט.

טײַערע זשעלעכאָװער פרױען אין אױסטראַליע

אײַער אַרבעט פאַר העלפן די װעלכע נױטיקן זיך אין הילף און פאַר אונזער בולעטין װי פאַרן יזכור אַלמאַנאַך איז נישט בלױז אַ פּראַקטישע הילף פאַר אונז נאָר אױך אַ סטימולירנדע פאַר אַנדערע אונזערע זשעלעכאָװער עס בלײַבט נאָר צו האָפן אַז אונזערע זשעל. און אין דער ערשטע רײ אונזערע זשעלעכאָװער פרױען אין אַנדערע ערטער װעלן נאָכטאָן אײַער בײַשפּיל

ס'איז בלױז צום באַדױערן פאַרװאָס אַסך זשעלעכאָװער לאָזן איבער אַלץ װאָס זײ דאַרפן טאָן צו אײנצעלע זשעלעכאָװער און צו אונזערע פרױען גרופּן.

טײַערע פרײַנט אין ישׂראל

איך קאָן פאַרשטײן אײַער אױפרעגונג צוליב די פאַלשע בלבולים איך קאָן אױך פאַרשטײן די אַנדערע זשעלעכאָװער װעלכע פילן זיך צוליב אײן אָדער אַן אַנדערע זאַך בעלײדיקט, איך קאָן אָבער בשום אופן נישט פאַרשטײן דאָס פאַרשפּרײטן קלאַנגען, װען מ'האָט נישט דערױף קײן באַשטעטיקונג.

מיך װאונדערט אָבער שטאַרק פאַרװאָס איר האָט נישט פאַרעפנטליכט די נעמען פון דער רעװידיר קאָמיסיע לױט אײַער באַשלוס װעלן דאָך מענטשן דאַרפן זיך װענדן צו זײ ס'איז דעריבער שטאַרק נױטיק אַז אין נאָענטסטן נומער בולעטין זאָלן זײַן די נעמען פון די רעװידיר קאָמיסיע.

הלטאַי טײַערע פרײַנט װאָלט איר די גאַנצע צײַט פאַרעפנטליכט אין בולעטין אַלץ װאָס איר האָט אױסגעטײלט אַלס אונטערשטיצונג/מדאַרף נישט שטענדיק דערמאָנען דעם נאָמען/װאָלט איר צוגענומען בײַ מענטשן די מעגליכקײט צו באַרײדן.

איך, נישט אַלס סעקרעטאַר פון די זשעלעכאָװער, נאָר בלױז אַלס זשעלעכאָװער װאָס האָט צוגעהאָלפן בײַם שאַפן דאָס געלט פאַר דער יחידים הילף אין ישׂראל, בין אומבאַדינגט געגן דאָס אױסטײלן די לעצטע 1000 פונט פאַר אַ דענקמאָל פון געלט װאָס איז אַזױ שװער געשאַפן געװאָרן צו העלפן מענטשן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

זיכער האָלט עס געווען אַן אומדערלאָזבאַרע זאַך, אַז מיר זאָלן פאַר אַט דעם איבערגעבליבענעם געלט קויפן פּעקלעך שפּייז, אָבער קיינער וועט. דאָך מיר נישט. איינריידן אַז אַלע זשעלעכאָווער אין ישראל האָבן שוין אַ דאַך איבערן קאָפּ און בלויז די לעצטע 2 האָט מען יעצט געגעבן אַן הלוואה.

און לאָמיך אייך זאָגן אַ סוד מיינע טייערע פריינט עס קוקט אויס צו מיר, אַז די "גבאים" וועלכע האָבן אַליין גאָרנישט צוגעטראָגן, צו דעם זאַמלען אַט די געלט/לויט די רייד פון פריינט מרדכי/ האָבן יעצט באַשלאָסן אָפּצוטאָן די "ריידער" און אוועקצולייגן די געלט.

איך האָף, אַז איר וועט זיך באַרעכנען און ענדערן אייער באַשלוס און אַט די געלט פאַרווענדן פאַר פּאַקטישע דרינגענדע הילף, ווי אַ דירה פאַר די וועלכע נויטיקן זיך אין דעם.

חשובע פריינדין מאַניע

איך האָב געגעבן אייער גאַנצן בריף, ערשטענס נישט צו זאָגן אַז מיר דערלויבן נישט אַרויסצוזאָגן זיך און כדי איינמאָל. פאַר אַלע מאָל אויפצוקלערן אַלץ נישט בלויז וואָס מען באַריידט אין ישראל, נאָר אויך אין פראַנקרייך און אויף וואָס מהאָט נאָך אינגאַנצן קיין פאַקט נישט געבראַכט אין די באַשולדיקונגען, נאָר בלויז אַזוי האָב איך געהערט און אַזוי האָט מען געזאָגט.

און לאָמיך אויפקלערן פאַר אַלעם, מיר גייט נישט אין פאַרטיידיקן דעם קאָמיטעט. אין ישראל, ווען אָבער איך טרעף זיך אָן אין די באַשולדיקונגען אין אויסדרוקן אָנגעקומענע פּאַקעטן פון אמעריקא אַז עס קומט אָן פיל געלט פון אמעריקא, באַקומען אַ פריידזשידעיר, אָדער באַקומען רעגעלמעסיק פּאַקעטן/דאָס זיינען אַלץ מאַניע שאַרפהאַרצס אויסדרוקן אין איר בריף, דאָס זיינען אויסדרוקן וואָס האָבן צוטאָן אויך מיט מיין אַרבעט. אַלס סעקרעטאַר/וויל פון וועמען דערהאַלט מען פיל געלט און פּאַקעטן מיט פריידזשידעירס פון אמעריקא אַז נישט דורך דעם סעקרעטאַר?

דעריבער בין איך געצווינגען אויפצוקלערן דעם סוד פון די דערהאַלטענע טויזנטער דאָלאַר פריידזשידעירן און רעגעלע פּעקלעך.

די זשעלעכאָווער וועלכע לייענען אויפמערקזאַם אונזער בולעטין און מאַניע שאַרפהאַרץ זאָגט דאָך אַז זי איז אַן אויפמערקזאַמע לייענערן האָבן געלייענט מיין פאָרשלאַג אין בולעטין פון יוני-יולי 1951 נאָך מיין צוריקקומען פון ישראל/ווען איך בין דאָרט געווען האָט מען באַריכטעט אויף דער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וועגן פאַראַנענע עפּעס מער ווי 200 פונט/אַלזאָ אויף זייט 59 זאָג איך: צוליב דעם וואָס דאָס וועט זיין אונזער לעצטע אַקציע, און די נויטן פון אונזערע געקומענע אין ישראל זיינען נאָך ווייט נישט געלייזט און איינציקע נייע וועלן נאָך אפשר אָנקומען, שלאָג איך פאָר צו. פאַרגרעסערן מיין פריער פאָרגעשלאָגענע סומע פאַר די באַלדיקע נויטן פון אונזערע לאַנדסלייט אין ישראל, אַנשטאָט טויזנט צו 1.600 טויזנט מיט זעקס הונדערט דאָלאַר.

און אַט די „רייזן סומע" איז צופיסלעך באַזאָרגט געוואָרן און דאָס איז די סומע פון וועלכע מהאָט פאָרט אַסך געהאָלפן און דאָס איז אויך די סומע פון וועלכע מהאָט לעצטענס באַשטימט. די 2 הלוואות און דאָס איז אויך די סומע פון וועלכע מהאָט באַשלאָסן אַריינלייגן אין באַנק 1000 פונט פאַרן מאָנומענט-פאָנד.

די מעשה פאקעטן, איך שטעל פעסט אז קײן שום פאָקעטן זײנען פון אונז נישט געשיקט געװאָרן, בלויז 10 פאקעטלעך זײנען אין 2 מאָל געשיקט געװאָרן פון ארגענטינא, װעלכע זײנען באלד צעטײלט געװאָרן צו די אמײנסטן נויטיקע און די נעמען זײנען אָפגעשיקט געװאָרן קײן ארגענטינא.

טײל זשעלעכאָװער האָבן פארשפרײט אזעלכע אויסטערלישע מעשיות מיט געשיקטע פאקעטן, אז עס װאונדערט זיך בלויז װי װײט מקאָן דערגרײכן אין אויסטראכטן זאכן, אט שרײבט דוד קאנדעל, אז אויסטראליע האָט זיך געװאָנדן צו מרדכין, אז זײ װילן שיקן פעקלעך, האָט מרדכי געענטפערט זײ זאָלן נישט שיקן, װײל די זשעלעכאָװער װעלן װערן שנאָרער.

מעשה פרידזשידעירס, ארום די פרידזשידעירס װערן אויך פארשפרײט פארשידענע מעשיות װעלכע דערגרײכן פון ישראל ביז פאריז און אינטערעסאנט אז מענטשן מיט א חוש פאר אמת פרעגן זיך נישט צו סאיז בכלל אמת די מעשיות מיטן שיקן מתנה פרידזשידעירס, נאָר פרעגן זיך, װי קומט עס װאָס מהאָט געשיקט פרידזשידעירס אלס מתנות.

איך געפין זיך אין א ״דעליקאטע״ לאגע רײדנדיק װעגן דער פראגע, װײל דאָס איז פארבונדן מיטן דערלײדיקן דאָס געזאמלטע געלט, איך דערקלער מיט מײן גאנצע פאראנטװאָרטליכקײט, בלויז טויזנט מיט זעקס הונדערט דאָלאר זײנען געשיקט געװאָרן געזאמלטע פאר אָט דעם צװעק, און איז דען װעמען אן אונטערשיד צו איך האָב אנגעבונדן א שטײן און דאָס געלט אריבערגעװאָרפן אָדער דורך אנאנדערן אופן?

יעדער סענט װאָס איז ארײנגעקומען פון דער אקציע פאר ישראל איז פארעפענטליכט געװאָרן אין בולעטין און יעדער קאָן עס נאָכזעען דערפון איז צוגעטײלט געװאָרן די סומע פאר יחידישע הילף אין ישראל און דאָס געבליבענע איז געװען געמאָלדן אין בולעטין ארי־גינעל פאר א מאָנומענט און דערװײל אויסצולײען צום ארויסגעבן דעם אלמאָנאך.

טײערער פרײנט יחסן

אונזער הארציקסטן דאנק פאר אײער װארעמען באנעמען אלץ װאָס איז פארבינדן מיט אונזער בולעטין.

לויט מײן מײנונג, װאָלט א באשלוס, אז חברים זאָלן ארײנשיקן עטליכע דאָלאר אויב זײ שיקן עפעס אן ארטיקל, צוריקגעהאלטן אסך פון שרײבן און דאָס װאָלט אונזער בולעטין נישט געטאָן קײן טובה.

זעט איר אײער פאָרשלאג װעגן ארײנשיקן אמװײניקסטן 5 דאָלאר א יאָר פאר אבאָנענט אָפצאָל און װאָס איר טוט טאקע אויך, װאָלט עס זיכער אסך פארבעסערט די לאגע פון בולעטין, צום באדויערן זײנען אָבער פאראן פיל לאנדסלײט און גראדע פארמעגליכע, װאָס שיקן נישט מער װי די ״געשװוירענע 2.50 א יאָר און א געװיסע צאָל װאָס נישט קוקנדיק װיפל מאָל מיר האָבן שוין װעגן דעם געשריבן, שיקן נאָך אלץ 2 דאָלאר פאר א יאָר.

אָבער נישט דאָס איז אין איצטיקן מאָמענט דאָס װיכטיקסטע. װען מיר האָבן אָרגאניזירט דעם בולעטין און אים פארגרעסערט, האָבן מיר אויסגערעכנט אז א װאָס גרעסערע צאָל זשעלעכאָװער און זײערע פרײנט װעלן אבאָנירן אונזער בול. ממילא װאָלט עס געדעקט א גרויסע צאָל פון די אויסגאבן און דאָס איבעריקע װאָלט געדעקט פון באגריסונגען א.א. מיר האָבן טאקע אין אָנפאנג ארײנבאקומען א גרויסן פראָצענט לאנדסלײט אלס אבאָנענטן, אָבער װײט נישט אלע.

מיר האָבן אויסגערעכנט אז עס װעט זיך פארבעסערן, װאָס זשע װײזט זיך ארויס? יעדעס יאָר װערט די צאָל פון געצאָלטע אבאָנענטן װײניקער, האָבן מיר שוין הײנט יולי און ארגענטינא האָט נאָך אינגאנצן נישט צוגעשיקט קײן אבאָנענטן, פראנקרײך א דריטל פון לעצטן יאָר, ישראל בּלויז עטליכע, אויסטראליע װעט נישט אלע.

אויב אין אָנפאנג האָט יעדער באצאָלט זײן אָפּצאָל אָנפאנג יאָר, האָט אויסטראליע אָפּגעצאָלט דאָס פארגאנגענע יאָר בּלויז פאר 10 אבאָנענטן אין אָקטאָבער און פאר די אנדערע 10 אין נאָװעמבער און דעריבער װען מהאָט אָנפאנג 1952 געמאָנט פארן איצטיקן יאָר, האָבן זײ זיך געקלאָגט ״אָט האָבן מיר דאָך נאָרװאָס באצאלט און שוין דארפן מיר װידער באצאָלן״.

בּכלל האָט דער בּולעטין אָנגענומען א כאראקטער װי דאָס װאָלט געװען מײנס א פּריװאטע זאך און צו װאָס איך צװינג ארויף אויף אונזערע לאנדסלײט דאָס אויסהאלטן.

צוליב דעם און צוליב נאָך א רײע אורזאכן האָבן מיר באשלאָסן מיר שטעלן צו פּראָבע די עקזיסטענץ פון בּולעטין צו אונזערע לײענער, זײנען אונזערע לײענער אינטערעסירט אין בּולעטין, אָדער צװינגען מיר ארויף אויף װעמען, און דעריבער:

מיר מאכן אָפּהענגיק דאָס דערשײנען פון בּולעטין פארן יאָר 1953 אין דעם, אויב מיר װעלן האָבן בּיז ענדע דאָס יאָר אײנגעצאָלטע 250 אבאָנענטן, פאר מינימום פון 2.50 אן אבאָנענט, אנדערש װעלן מיר נישט ארויסגעבן דעם בּולעטין פארן יאָר 1953.

מיר װײסן װי װיכטיק דער בּולעטין איז פארן גיכן פארענדיקן אונזער יזכור-אלמאָנאך, װען איך האָב זיך אונטערגענומען ארויסצוגעבן דעם בּולעטין, האָב איך אינזינען געהאט, אמװײניקסטן אָנהאלטן דאָס ארויסגעבן פאר 5 יאָר און שפּעטער װעט אפשר װער אנדערש איבערנעמען דאָס ארויסגעבן, אָבער אונטער די איצטיקע באדינגונגען איז דאָס אונמעגליך.

פיל שעהן פארליר איך אָפּעלירנדיק פאר אבאָנענט אָפּצאָל, בּין געצװינגען צו דראָען מיט אָפּשטעלן דאָס שיקן דעם בּולעטין צוליבן נישט צאָלן אין צײט האלט מען דאָס װידער פאר א גרויסע עװלה. עוולה

װײטער קאָן עס אָזוי נישט גײן, װילן אונזערע לײענער דעם בּולעטין, מוזן זײ האָבן די פליכט ארײנצושיקן נאָך פאר די ענדע דאָס יאָר פארן קומענדן יאָר.

מיר װילן דערבײ גאראנטירן די װעלכע װעלן ארײנשיקן זײער אָפּצאָל, אויב װעלן מיר נישט האָבן די פולע צאָל אבאָנענטן און מיר װעלן נישט קאָנען ארויסגעבן דעם בּולעטין, װעלן מיר זײערע געלטער גלײך צוריק שיקן און זאָלן געדענקן די אנדערע, אז קײן אײן בּולעטין װעלן מיר נישט שיקן צו די, װעלכע װעלן נישט האָבן אָפּגעצאָלט פארן קומענדן יאָר.

אָט דאָס טײערער פרײנט יחסן איז די לאגע אין אונזער בּולעטין איצט דארף קומען דער ענטפער פון אונזערע פרײנט, און אײך א הארציקן דאנק פאר בארירן אָט די װיכטיקע פראגע.

אגב װילן מיר צוגעבן, אז אין יעדן נומער בּיז די ענדע יאָר װעלן מיר דאָס אויבנדערמאָנטע ברײנגען צו אונזערע לײענער, אז קײנער זאָל נישט קאָנען זאָגן, אז ער האָט דערפון נישט געװאוסט.

פרײנט ג. אָשלאק

מילא װעגן אָנקומען שפעט פון די בולעטינען זײנט איר טאקע גערעכט, צום באדויערן קאָנען מיר נישט אונטעריאָגן די פאָסט זיכער װאָלט דאָס שיקן מיט ערשטע קלאס געװען פיל גיכער, דארף עס דאָך אָבער קאָסטן מער, איך גלײב אָבער אז איר װעט די איבריקע נומערן דערהאלטן גיכער, װײל זײ זײנען דערשינען מער אין צײט.

אונז װינדערט אָבער שטארק אויף אײך פארװאָס נאָכן דערהאלטן 25 בולעטינען, װאָס דאָס איז מיט 5 מער װי איר האָט געהאט פאר דעם זעלבן יאָר אָבגעצאָלטע אבאָנענטן, זאָגט איר אז אײך פעלט נאָך 10 װאָלטן מיר װעלן װיסן, מיט א װאָסאר רעכט פארלאנגען זשעלעכאָװער נאָך די אָבגעצאָלטע 20 אבאָנענטן פון פארגאנגענעם יאָר, בולעטינען װען זײ האָבן נישט באצאָלט?

מײנט איר נישט אז דאָס האָט געברײנגט צו דעם צושטאנד בײ אײך װאו פון עטליכע דרײסיק אָבגעצאָלטע אבאָנענטן װאָס איר פלעגט האָבן, האָט איר דאָס לעצטע יאָר געהאט בלויז 20, אז איר אלײן בעט בולעטינען פאר אָט די נישט באצאָלער?

טײערער פרײנט מרדכי

מיך װאונדערט שטארק פארװאָס יעדער פילט די נויטיקײט פון דערהאלטן א פעקל פון א פרײנט נאָר דו פילסט עס נישט, אָדער אפשר גײט עס אין דער אויסטײטשונג פרײנט איך האלט, אז אלע אונזערע זשעלעכאָװער, די װעלכע מיר קאָנען פערזענליך אָדער די װעמען מיר קאָנען פון זײערע עלטערן, זײנען אונזערע פרײנט און אלס אזעלכע דארפן מיר אין א זין אויסנאם־צײט אמאָל, פון צײט צו צײט ארײן שיקן א פעקל שפײז און אװדאי דארפן מיר, דאָס טאָן פאר די װעלכע נויטיקן זיך שטארק דערין.

עס בלײבט נאָך א געװיסער אונטערשיד פון דײן באציאונג צו דער פראגע פעקלעך און אונזערע, װאָס דו האלטסט אז זײ דארפן געשיקט װערן דורכן קאָמיטעט און מיר האלטן אז טאקע אויסצומײדן די "פראָפעסיאָנעלע טײלער" איז פיל געזונטער צוצעשיקן עס צו יענעם אין הויז, מײנט איר דאָרט, אז דאָס דערהאלטן א פעקל שפײז פון א פרײנט דעמאָראליזירט מענטשן אין ישראל? איך האָב געזען "פעקלעך דעמאָראליזאציע" ערגיץ אנדערש און נישט אין יחידישן פעקל.

פרײנט אברהם ראָכװערגער

עס הערשט טאקע א מאנגל אין שפײז פראָדוקטן אין ישראל, דעריבער אויב איר אָדער אנאנדערער פרײנט אונזערער װעט שיקן א פעקל צו װעמען פון אונזערע פרײנט, װעט עס זײן א פײנער טאט, איר האלט דאָך אָבער נישט אז מיר זײנען שוין אזוי געפאלן צו בעטן בײ אײער אָרג. װעלכע פרעטענדירט צו העלפן ישראל, בעטן בײ אײך עטליכע פעקלעך שפײז, נײן טײערער פרײנט, דאָס איז נישט דער װעג.

טײערער פרײנט מרדכי

דו ביזט זײער גערעכט אז איך האָב שלעכט געטאָן מיטן אויפװעקן א פראגע װאָס איז געזונטער צו פארשװײגן, דו ביזט אויך גערעכט אז אנדערע װעלן ביז זײן אויף. מיר אָבער אין אונזער ארבעט האָב איך זיך אויסגעלערנט צוצונעמען פארשידענע פאָרמען פון פאָרװאורפן, אויב נאָר זײ ברײנגען נוצן אונזער ארבעט.

איך האָב בײ מיר. פארשידענע בריף װעגן אָט דער פראגע און װאו מיר. האלטן איצט מיטן יזכור אלמאָנאך, האָט די פראגע געמוזט געװיסער מאסן אויפגעקלערט װערן.

אויב װאָלט דאָס פארעפענטליכן די פראגע בלויז ארויסגעבראכט אז עטליכע באשולדיקטע אין געהערן צום יודן־ראט װײל זײ געפונען זיך צוזאמען אויף אײן בילד, אז דאָס האָט מען זײ געצװינגען זיך צו פאָטאָגראפירן צוזאמען און פאקטיש האָבן זײ צום יודן־ראט נישט געהערט, בין איך צופרידן װאָס איך האָב בארירט די פראגע.

אויב איז נאָך געלונגען ארויסצוברײנגען, אז האָכגעלערנטער און זוסמאן, כאָטש זײ האָבן באלאנגט צום יודן־ראט איז זײער האנדלונג געװען אָ ביז גאָר מענטשליכע, איז עס זיכער װערט געװען דאָס ברײנגען אין דער עפענטליכקײט.

און בכלל גענומען, האָב איך מיט דעם פארעפענטליכן די פראגע נאָך אמאָל אונטערגעשטראָכן, אז דער יזכור אלמאָנאך איז נישט מײן און נישט קײנעמס אײגנטום, נאָר אונזער אלעמענס און אלע דארפן זיך װעגן אזײן װיכטיקע פראגע ארויסזאָגן.

חשובער פרײנט אָן א נאָמען

מײן הארציקן דאנק איך, פאר אָנװײזן אויף די זשעלעכאָװער װעלכע האָבן נישט בעלאנגט צום יודן־ראט און בלויז צוליב זײער זײן אויפן בילד האָט מען זײ צוגערעכנט צו די פריעריקע.

טײערער פרײנט מ. באָרוכאָװיטש

איר זײנט גערעכט אין אײער אָפּשאצונג איבער דער ארבעט פון אונזער חיהלע דאָרעמבוס, אין אלע אירע לידער און ארטיקלען שילדערט זי פאר אונז װי לעבעדיק די מענטשן און ערטער, אָבער אין דער לעצטער ארבעט איז זי זיך איבערגעשטיגן.

טײערער פרײנט יאָסקע

אָט דאָס איז װאָס מרופט ארבעט, א פאָרשלאָג װעלכער איז באגלײט מיט מעשים רעגט אָן אנדערע צו ארבעט הלװאי װאָלטן אסך פון אונזערע זשעלעכאָװער מיט בעסערע מעגליכקײטן פאר אזײן ארבעט, געטאָן דאָס זעלבע.

טײערער פרײנט ישראל העפנער

איך האָב שוין נישט אײנמאָל אָנגעװיזן, אז איר זײנט איבערגעגעבן אונזער ארבעט און װען נישט איר װאָלט אונזער ארבעט אין פראנקרײך אסך געליטן, אָבער זײט מיר מוחל װען איך װעל אײך אָנװײזן אז דער מעטאָד פון אײער ארבעט קאָן נאָר זײן דערפאָלגרײך בײ העכסט אָרגאניזירטע מיטגלידער, װאו אלע טראָגן אָן אויסערגעװײנליכע פאראנטװאָרטליכקײט.

מיר קאָנען נישט דערװארטן קײן אבאָנענטן אָדער הלװאות פארן אלמאָנאך זיצנדיק אינדערהײם און װארטן אז פרײנט װעלן קומען אָפּצאָלן, עס װאָלט טאקע אזוי געמעגט זײן, אין דער פראקטיק ארבעט עס זיך נישט אזוי.

אָט האָט אָן אָנגעזעענער מיטגליד אײערער מיט א צײט צוריק פאָרגעשלאָגן אז כדי צו קאָנען ארויסגעבן דעם אלמאָנאך װאָס פריער זאָל יעדער פארמעגליכער זשעלעכאָװער אויסלײען א גרעסערע סומע װעלכע זאָל אומגעקערט װערן װען דער אלמאָנאך װעט דערשײנען, צוגעבנדיק אז ער װעט אויך זײן צװישן. די, װאָסזשע האָט זיך ארויסגעװיזן? נאָך לאנגע װאָכן װארטן נאָך מײן װענדונג פאר הלװאות האָט אָט דער פרײנט געליהען 10 דאָלאר.

סאיז זיכער בעסער װי גאָרנישט קאָן דאָס אָבער באװירקן אנדערע? נײן! נישט בלויז נישט באװירקן, נאָר װירקן פארקערט.

אן אנדערער פאל מיטן בולעטין װי אזוי האָט איר געקאָנט דערװארטן אז אונזערע לאסקאראװער סאָבאָלעװער און קאָצקער פרײנט זאָלן אבאָנירן דעם בולעטין, אז אפילו קאָמיטעט מיטגלידער, זשעלעכאָװער האָבן נאָך נישט אבאָנירט און מאכן זיך נישט װיסנדיק װען דער בול. װערט זײ נישט געשיקט.

טײערער פרײנט ישראל. איך רײד דורך אײך צו פיל אנדערע זשעל. זאָל דאָס אילוסטרירן אין אװאָסארא באדינגונגען עס קומט אויס צו ארבעטן ממילא װעט אײך נישט װינדערן אויף אונזער באשלוס אָפּצושטעלן דעם בולעטין פארן יאָר 1953 אויב װעט נישט באצאָלן פאָר־אויס.

טײערע פרײנדין רחל רײכנבערג־מילער

הלװאי האָבן מיר כאָטש א העלפט זשעלעכאָװער מיט אזא הארציקע באציאונג צו אונזער אלמאָנאך און בולעטין, איר זײנט װײט אין אײערע מעגליכקײטן פון דעם װאָס אנדערע זײנען און דאָך, דעריבער אונזער הארציקע אנערקענונג פאר אײך.

און צום סוף

אויפן װאונטש פון פערל װײסנבערג, רוף איך אָפּ די װענדונג צו שיקן ביכער פאר איר ביבליאָטעק, װעלכע איך האָב געגעבן אינם בול. מערץ־אפריל. די אויבנדערמאָנטע בעט איר קײן שום ביכער נישט צו שיקן.

איך װיל דערצו צוגעבן, אז סאיז נישט ריכטיק
דאָס אין איר בריף צו מיר, אז איך האָב צוגעגעבן װערטער,
נישט נאָר איז אפילו קײן אײן אות נישט צוגעגעבן געװאָרן
נאָר די גאנצע מעלדונג איז אויסגעשניטן פון "טאָג"
אין ניו יאָרק און ממילא קאָן נישט זײן קײן רײד װעגן
עפּעס צוגעבן אָדער ענדערן.

לײביש

מתנות פארן בולעטין

שיע און שפרה לאָטערשטײן באָגאָטא	2.00
גאָלדע און שיע כאָבערמאן באראנקיללא צו דער חתונה פון זײער זון רחמיאל	15.00
זשעלעכאָװער פרויען־גרופּע אין אויסטראליע	100.00
זשעלעכאָװער אין קאראקאס װענעזועלא, צום געבורטסטאָג פון מלכהלע, די טאָכטער פון יאסל און העניע ראָזענבערג, צום 9 יאָריקן געבורטסטאָג	37.00
אסתר און שאָלעק אלטמאַן צו דער אײן יאָריקע חתונה פון זײער טאָכטער שרהקעלע	10.00
שמעון גובערעק באָגאָטא, צו דער תנאים פון זײן טאָכטער אסתר צו איר װערן א כלה	20.00

צוזאמען	184.00

צוליב די שטארקע היצן בײ אונז, האָט זיך דער איצטיקער נומער װידער פארשפּעטיקט, אין חודש אויגוסט, װען איך האָב װאקאציע, װעלן דערשײנען די בולעטינען פון סעפּ. אָקט. און יול. אויג.

ארום יזכור־אלמאָנאך

װי זעט אויס די לאגע ארום יזכור־אלמאָנאך? מיר באמיען זיך אין יעדן בולעטין איבערצוגעבן אלץ װאָס איז ארום יזכור־אלמאָנאך אין איצטיקן נומער װעל איך זיך באמיען איבערגעבן אביסל גענויער װעגן אלץ נוגע דעם אלמאָנאך.

פאר אלעם װעגן זעצן די ארבעט אין דרוקערײ גײט אָן נישט צו גיך, צוליב דער װאקאציע צײט און די גרויסע היצן, אָבער איך שיק כסדר איבער געזעצטע מאטעריאלן צו אונזער רעדאקטאָר אין ישראל, פון װעמען איך װעל אינגיכן אָנפאנגען צו דערהאלטן קאָרעגירטע מאטעריאלן.

אינגיכן װעלן מיר צוטרעטן מאכן זײטן פון דעם ארײנפיר געשיכטליכע מאטעריאלן און זשעלעכאָװ אין דער ײדישער ליטעראטור, דעריבער די װעלכע װעלן נישט צושיקן זײער מאטעריאל נוגע די דערמאָנטע ארבעטן, װעלן דאָס שוין מער נישט קאָנען טאָן.

די פינאנסיעלע זײט

זשעלעכאָװער גרופע אין סאנטאָס, בראזיל			70.00
משה בעסער	דאװיד, פאנאמא		10.00
דזשעק מײסטער	מילװאָקי		50.00
שיע און שפרה װיערזשביצקי	באָגאָטא		15.00
בערל העפנער	ארובא	בילד	11.00
הערשל באָרנשטײן	אויסטראליע	בילד	11.00
מאָטל ראָטפארב	〃	〃	20.00
יחיאל טײלאָר	〃	〃	11.00
דאָרקע קאָרן	〃	〃	41.00
חנטשע רובינשטײן	〃	נעמען	4.00
גדליה אָשלאק	〃	בילדער	35.00
הערשל באָרנשטײן	〃	נעמען	2.00
פראדל געכט	〃	בילדער	35.00
מאיר װענגער	〃	נעמען	2.50
צאצקעװיטש	〃	〃	2.00
פסח ראָטמאן	〃	〃	2.00
שאָלעק אלטמאן	פאנאמא	בילדער	35.00
שמעון באראן	〃	〃	20.00
משה בעסער	〃	נעמען	5.00
דזשעק מײסטער	מילװאָקי	בילד	35.00
גדליה בראװערמאן	פאנאמא	נעמען	2.00
משה יאָנטעף	פאריז	בילדער	26.00
ברידער דראָמלעװיטש	〃	〃	18.60
גדליה גאָלדשטײן	סאנטאָס	〃	3.50
פון לעצטן בולעטין			348.96
צוזאמען			815.46

אויסגאבן

דעם דרוקער אקאָנטאָ ביז 1,500	500.00
קלישעס	98.17
פאָסט אויסגאבן	13.25
פאר פארשידענע אויסגאבן אין ישראל	27.00
אקאָנטאָ פאר קאָרעגירן/שוין 100 דאָלאר/	50.00
פארשידענע אויסגאבן	1.75

צוזאמען די אויסגאבן 690.17

בלײבט אין קאסע פון אלמאָנאך 125.29

געליהענע געלטער

חיים בערנשטײן	אויסטראליע	15.00
משה איגליצקי	"	10.00
אהרן רידעלמאן	קאָסטא־ריקא	10.00
ישראל העפנער	פאריז	10.00
לײבל אנקערמאן	"	10.00

אין מײן װענדונג צו אונזערע פרײנט איבער דער װעלט, האָב איך געהאט אײנזינען 2 װיכטיקע זאכן, ערשטענס װי איך זאָג אין מײן װענדונג, צו זען װיפל אמתע פרײנט איך האָב צװישן די זשעלעכאָװער און די הויפט זאך דאָס דערמעגליכן דערמיט דאָס שנעלע ארויסגעבן דעם אלמאָנאך.

איך האָב דאמאָלס געבעטן 10 הלװאות צו 50. דאָלאר 2 צו 25 דאָל. 25 צו 15 דאָלאר און 100 צו 10. דאָלאר צוזאמען 160 הלװאות.

צו האָבן מיר 160. מענטשן װעלכע זאָלן קאָנען אויסלײען אָט די סומע? זיכער יאָ און מער װעלן מיר דעריבער יעצט זען װאָס דער רעזולטאט פון מײן װענדונג איז.

באשטײערונגען

אויסטראליע	די אלגעמײנע און פרויען־גרופע און 1 פערזאָן		247.50
באָגאָטא	5 פערזאָן		140.00
װענעזועלא	1 "	רחלע מילער	10.00
מעדעלין	1 "	בוזשע גובערעק	25.00
מילװאָקי	1 "	דזשעק מײסטער	50.00
סאנטאָס	6 זשעל.		70.00
פאנאמא	2 פערזאָן		60.00

צוזאמען 16 זשעלעכאָװער מיט לאָמיר זאָגן 8 הלװאות צו 50 דאָלאר 5 צו 25 און 9 צו 10 דאָלאר, צוזאמען 22 באשטײערונגען, דערפון אויסטראליע 5 פופציקער, װענעזועלא 1 צענער, קאָלאָמביא 1 פופציקער און 5 צו 25, סאנטאָס 7 צו 10, פאנאמא 1 צענער און 1 פופציקער און מילװאָקי 1 פופציקער. לאָמיר זשע זען די הלװאות.

אויסטראליע	22 פערזאָן		283.50
ארובא	1 פערזאָן	װערזביצקי	25.00
בארא נקילא	פון דער גרופע		100.00
לאָס־אנזשעלעס	1 פערזאָן		7.50
ניו יאָרק	2 "		35.00
פאריז	3 "		45.00
פאנאמא	1 "	שאָלעק	50.00
קאָסטא־ריקא	9 "		105.00
קאנאדא	1 "	פערקאל	10.00

צוזאמען לאָמיר זאָגן 50 פערזאָן מיט הלװאות פון 1 פופציקער, 7 צו 25, 3 צו 15, 22 צו 10, 2 צו 9, 1־7.50, 1־5 און 1־3, דערפון האָט אויסטראליע צוגעטראָגן 3 צו 25, 3 צו 15, 13 צו 10, 2 צו 9 אײן 5 און אײן 3, ארובא 1־25, בארא נקילא 10 צו 10 לאָס אנזשעלעס 1־7.50 ניו יאָרק 1־25 און אײן 10 פאריז 2 צו 10 און אײן 25 פאנאמא 1־50, קאָסטא ריקא 1־25, 8 צו 10 און קאנאדא 1־10

צוזאַמען האָבן זיך אָפּגערופן אויף מײַן װענדונג 72 זשעלעכאָװער אַנשטאַט 160 צו װעמען איך האָב זיך געװאָנדן, זײ האָבן גיענטפערט מיט 9 פּופּציקער אַנשטאַט די געבעטענע 10,־ 12 צו 25 אַנשטאַט די געבעטענע 25,־ 3 צו 15 אַנשטאַט די געבעטענע 25,־ 31 צו 10 אַנשטאַט די געבעטענע 100,־.

מיר האָבן נישט דערמאָנט די 100 דאָלאַר פֿון ישראל, װײַל דאָס איז נישט געװען אין פֿאָרם װי מיר האָבן געבעטן און װאָס האָט געקאָנט זײַן אײַנגאַנצן אַנדערש נישט צו רײדן פֿון די װעלכע קאָנען נישט געבן, אויב אָבער צו מאַכן דעם רעכנונג פֿרײדליכער, װעלן מיר צורעכנען 10 צענער פֿון ישראל און דערמיט װעל איך האָבן געװאונען 10 פֿרײַנט, װאָס מײנט פֿאַר מיר זײער אַסך.

אינטערעסאַנט איז אויך דער אָפּרוף מיט בילדער און נעמען פֿאַרן אַלמאַנאַך, אומעטום האָבן מיר די זעלבע זשעלעכאָװער כמעט אַלע זשעל. האָבן פֿאַרלוירן זײערע נאָנטע און אַלע אונטער די זעלבע אומשטענדן, כמעט אַלע האָבן די מעגליכקײט צו באַצאָלן פֿאַרן אַרײַנגעבן די בילדער, אָדער די נעמען פֿון זײערע אומגעקומענע קרובים און דאָך אַזײן אונטערשיד לאָמיר זעען די ציפֿערן.

אויסטראַליע	6	פּערזאָן אַרײַנגעגעבן	בילדער	פֿאַר	153.00
	5	″	נעמען	″	12.50
אַרובאַ	2	″	בילדער	″	74.00
בראַזיליע	1	″	″	″	3.50
באַראַנקיללאַ	2	″	″	″	55.00
באָגאָטאַ	3	″	″	″	42.00
ניו יאָרק	3	″	″	″	116.00
מילװאָקי	1	″	″	″	35.00
פּאַריז	2	″	″	″	44.50
פּאַנאַמאַ	2	″	″	″	55.00
	2	″	נעמען	″	7.00
קאָסטאַ־ריקאַ	4	″	בילדער	″	63.00
	6	″	נעמען	″	25.50

איך װיל נישט געבן קײן אָפּשאַצונג אין ליכט פֿון די אָנגעגעבענע ציפֿערן/ זאָלן דאָס אַנדערע טאָן/ סאיז אָבער אַרויסרופֿנדיק, אַז אַזוי אין דער ליסטע פֿון באַשטײערונגען, הלװאות, בילדער און נעמען, שײַנט דאָס אָפּװעזנהײט פֿון אַרגענטינאַ, און זאָל דאָ נישט גילטן דער ענטפֿער פֿון פֿראַנקרײַך, מיר זוכן צו מאַכן אַן אַקציע, װאו זײַנען די העלכע װילן אָרגאַניזירן די אַקציע, פֿאַרװאָס רופֿן זײ זיך נישט אָפּ פֿאַרװאָס?

גלײַכצײַטיק מיט דער לאַגע אין אונזער בולעטין, װיל איך דערקלערן אונזערע אַלע פֿרײַנט אויב אונזערע זשעלעכאָװער װעלן נישט דערהאַלטן דאָס דערשײַנען פֿון אונזער בולעטין, װעלן מיר יעדע 2 מאָנאַטן פֿונאַנדערשיקן אַ קלײן בלעטל פֿון 2 אָדער 4 זײַטן א.נ. ״אַלמאַנאַך נײַעס״ אין װעלכן מיר װעלן אינפֿאָרמירן װעגן אַלץ װאָס האָט אַ שײַכות מיטן אַלמאַנאַך, װי אויך די אײַנקונפֿטן און אויסגאַבן ביזן פֿונאַנדערשיקן דעם אַלמאַנאַך.

װעלכע זשעלעכאָװער האָבן באצאָלט פארן בולעטין 1951?

יעקב פעלהענדלער	ישראל		1.50
משה אזיסלערנער	〃		1.50
רחל מילער	װענעזועלא		2.00
מרדכי שפײזמאן	ישראל	1952	5.00
יאנקל שפײזמאן	〃		5.00
מרדכי אישטוב	〃		5.00
מאיר ספעקטאָר	〃		3.00
װעלנער יעקב	〃		2.50
געדאנקן ישכר	〃		2.50
אברהם אָשלאק	〃		2.50
משה אײזענהאנט־ברזלי	〃		2.50
אריה געדאנקען	〃		2.50
אריה לעדערמאן	〃		2.50
אהרן צידעלסקי־צדון	〃		2.50
יצחק אבראמאָװיטש	〃		2.50
חוה ליסטעק־װײנבערג	〃		2.50
שמואל לאקסמאן	〃		2.50
שרה רוסאק־רובין	〃		2.50
מאניע גינזבורג־שארפהארץ	〃		2.50
שאָלעק אלטמאן	פאנאמא		10.00
אײזיק ראָטערמאן	〃		5.00
הערשל אלטמאן	〃		5.00
בער מײכעל	〃		3.00
שמעון באראן	〃		3.00
ח. װײנבערג	〃		3.00
אהרן און סאריטא אײזן	〃		5.00
איסאק און בעלא אײזן	〃		3.00
קארלאָס רענערט	〃	סיגי פאלענבוים	5.00
משה שװארץ	〃		3.00
משה בעסער	〃		5.00
שיע יחסן	〃		5.00
יאָסל ראָזענבערג	װענעזועלא		2.50
יוסף נירענבערג	〃		2.50
אברהם איגליצקי	〃		2.50
מלך ראָזענבערג	〃		2.50
ש. קליגער	〃		2.50
ב. מרגליות	〃		2.50
חיים באָרנשטײן	אויסטראליע		2.50
הערשל באָרנשטײן	〃		2.50
א.ד. באָרנשטײן	〃		2.50
ד. מיאָדאָװניק	〃		2.50
ה. מיאָדאָװניק	〃		2.50
שלום אָשלאק	〃		2.50
גדליה אָשלאק	〃		2.50
דאָרקע קאָרן	〃		2.50
שמילקע האָכגעלערנטער	〃		2.50

א. קליינמאן	אויסטראליע	2.50
מאָטל ראָטפארב	״	2.50
י. צאצקעוויטש	״	2.50
יהיאל טיילאָר	״	2.50
יעיקל ליכטענשטיין	״	2.50
א. אייזן	״	2.50
ישראל נײַשטעטער	״	2.50
יאָסל איגליצקי	פאנאמא	5.00
שמואל קאלין	סאנטאָס־בראזיל	2.50
ח.דוד סאנאָוויטש	״ ״	2.50
מאיר לוקאָוויעצקי	״ ״	2.50
שאיע שטשעטשיניארזש	״ ״	2.50
גדליה גאָלדשטיין	״ ״	2.50
יאָסקע משפטים	״ ״	2.50
שרה ניימאן־מינקאָווסקי	ס.פאולאָ ״	2.50
אהרן רידעלמאן	קאָסטא־ריקא	2.50
שלום האָכגעלערנטער	״	2.50
ישראל בראָן	״	2.50
יאנקל פארבער	״	2.50

שמחות אין דער זשעלעכאָווער משפחה

אין נאָמען פון אונזערע זשעלעכאָווער איבער דער וועלט וואונטשן מיר פיל נחת פון זייערע קינדער, אונזערע פריינט שאָלעק און אסתר אלטמאן, צום ערשטן יאָרטאָג פון דער חתונה פון זייער טאָכטער שרהקע און צום פאָרפאָלק, לאנגע יאָרן אין גליק.

אונזערע פריינט מאיר שלאק און פרוי אין ארגענטינא, צום געבורט פון זייער טעכטערל, דערציט זי אין גליק און צופרידנהייט.

אונזערע פריינט משה און פרידא באָרוכאָוויטש און זייערע מחותנים, די זשעלעכאָווער שלמה גאָלדבערג און פרוי אין קאָסטא־ריקא, צו דער חתונה פון זייערע קינדער וואָס וועט פאָרקומען דעם 5טן אויגוסט אין קאָסטא־ריקא, האָט פון זיי פיל נחת. און דעם יונגן פאָרפאָלקא גליקליך צוזאמענלעבן.

אונזערע פריינט הערשל דרעס און פרוי אין ארגענטינא, צו די תנאים פון זייער טאָכטער כואניטא האָט פיל נחת פון אייערע קינדער.

אונזערע ליבע פריינט שמעון גובערעק און פרוי אין באָגאָטא, צו די תנאים פון זייער טאָכטער אסתר מיט ה"אבעל קאפלאן, זייט געזונטע עלטערן און דערלעבט פיל נחת אין זיי.

אונזערע פריינט יאָסל ראָזענבערג און פרוי אין ווענעזועלא, צום 9 יאָריקן געבורטסטאָג פון זייער טעכטערל מלכהלע, דערלעבט פיל נחת אין אייערע קינדער אין אייער טיפן עלטער.

אונזערע פריינט משה דאנאָוויטש און פרוי אין ארגענטינא, צו דער חתונה פון זייער טאָכטער האָט פיל נחת פון זיי, און דעם יונגן פאָר א געזונטע און גליקליכע צוקונפט.

אונזערע פריינט האָדעס און שמעון וויערזשביצקי אין ארובא, צו דער גראדואירונג פון זייער טאָכטער פייגאלע פון פען־האָל קאָלעדזש אויפן מוזיקאלישן פאקולטעט, דערלעבט פיל נחת פון אייערע קינדער.

אונזער פריינט זישע ווינציר אין ארגענטינא וואונטשן מיר א גיכן געזונט ווערן.

אונזערע פריינט ישראל ווייסמאן און פרוי אין רוזוועלט־ניו דזשוירזי, צו דער גראדואירונג פון זייער טאָכטער אביבה פון הייסקול פון וואנען זי האָט גראדואירט אלס די וואלידיקטאָריען, מיט גרויס אויסצייכנונגען, האָט פיל נחת פון אייערע קינדער.

אונזער פרייד צום געזונט ווערן פון אונזער פריינט פסח ווינציר אין ארגענטינא וויסט נישט מער פון קיין קרענק.

אונזערע פריינט גיטל און שיע יחסן, צו דער גראדואירונג פון זייער טעכטערל, זייט געזונטע עלטערן און האָט פיל נחת פון זיי.

אונזער פריינט שמואל זיינוול נאכטיילער, ענטרע־ריאָס, ארגענטינא צום געבֿורט פון זיין טעכטערל וואונטשן מיר אים און זיין פרוי א גרינגע דערציאונג און פיל גליק.

א גיכן געזונט ווערן וואונטשן מיר אונזער פריינטס יחזקלס בֿייטעלס פרוי אין פאנאמא, צו דער אָפּעראציע וואָס זי האָט דורכגעמאכט.

אונזערע פריינט משה און פעלא פאסטמאן צום 2 יאָריקן געבֿורטסטאָג פון זייער טעכטערל, דערלעבט אין איר פיל נחת און דערציט זי אין אייער גייסט.

מזל טוב אונזער פריינט חנינא מעסינגער און פרוי, צו דער חתונה פון זייער בֿרודער אין פאריז.

אונזערע פריינט ישראל און ראקעל גובֿער, צום 3 יאָריקן געבֿורטסטאָג פון זייער גרעסטן טעכטערל, זייט געזונטע עלטערן און דערציט זי אין א וועלט פון שלום.

אונזערע פריינט חיהלע און ישראל. דערעמבֿוס אין ישראל הארציקע געזונט און גליק וואונטשן צום זעקסטן געבֿורטסטאָג פון רותלען זאָל זי זיך אייך דערציען א געזונטע און אין צופרידענע באדינגונגען.

— — —

מיר באגריסן מיט הארציקע גליק וואונטשן

אונזערע טייערע פריינט משה. און פּאָלא פאסטמאן, צום 2 יאָריקן געבֿורטסטאָג פון זייער אזוי גרעסטן טעכטערל מירטא, מיר וואונטשן אייך צו פייערן צוזאמען מיט אונז איר 15 יאָריקן געבֿורטס־טאָג אין א פרייע וועלט פון שלום.

אלס צייכן פון אונזער צופרידנהייט גיבן מיר פאר אונזער בֿולעטין 375 פעזעס/15 דאָלאר/. פאָלגענדע באשטייערן זיך :

מ. פאסטמאן 100 פ. ל. פאסטמאן און פאמיליע 30, וו. שיפערמאן און פאם.
20. מ. שלאק און פאם. 20. פ. ווינציר און פרוי 10, מ. ווינציר און פאם. 10.
אל. ווינציר און פאם. 15, א. מענזשילעווסקא 5, טראכטינבערג און פאם. 10.
י. איינשלאָס און פאם. 20, י. גובֿער און פאם. 10, ש. שטערשטיין 5, י. ריפער־
מאן 5, בֿ. ניסנבוים און פאם. 10, ש. קאָסמאן און פאם. 30, ג. נאכטיילער און
פאם. 15, דאָמב און פאם. 10, י. סמאָלאר און פאם. 10, פ. פיקעס און פאם.
10, בֿ. זילבערשטיין און פאם. 10, און א. ראָכווערגער און פאם. 20 .

בוענאָס־איירעס ארגענטינא

א הארציקן געזונט ווערן וואונטשן מיר יחזקאל בֿייטעלס פרוי, צו איר דורכגעמאכטע אָפּעראציע, זייט געזונט און שטארק.

זשעלעכאָווער גרופּע אין פאנאמא

מײנע טײערע אסתר און שאָלעק

הארציקע געזונט און גליק װאונטשן צו א יאָר פון שרהקעלעס חתונה צו די 10 יאָר פון איר חתונה װעלן מיר זיך צוזאמען פרײען און האָפן אויף װײטער.

אײער לײביש

מיר באגריסן הארציק אונזערע ליבע פרײנט ישראל און ראקעל גובער, צום 3 יאָריקן געבורטסטאָג פון זײער גראָטן טעכטערל עװעטי זײט געזונטע עלטערן און זאָל זי בײ אײך אויסװאקסן א געזונטע און טרײע טאָכטער. אלס אויסדרוק פון פרײד, גיבן מיר 120 פעזעס/5דאָלאר/פאר אונזער בולעטין.

ג. נאכטײלער און פאמ. פ. װײנציר און פרוי, מ. װײנציר און פאמ. ל. פאסטמאן און פאמ. ח. גובער און פרוי, א. גובער און פרוי, ח. גובער און פאמ. ניסענבוים און פאמ. כ. װיניצקע און פאמ. און א. ראָכװערגער און פאמ.   בוענאָס אײרעס   ארגענטינא.

אונזער הארציקן מזל טוב

אונזער לערער פון די ײדישע קינדער שול פרײנט סאמועל צו זײן חתונה מיט פרײלין יולינא, א געזונט און גליקליך צוזאמענלעבן אויף לאנגע יאָרן.   אײערע פרײנט

פאמיליע כאבערמאן   באראנקיללא

מיר באגריסן הארציק אונזער גארװאָלינער פרײנט מאקס בײגעלמאן דער נײער זשעלעכאָװער אין דער װענעזועלער גרופע זשעלעכאָװער. צום געזונט װערן פון זײן פרוי, פיל גליק און װײטערדיק געזונט זײן מאקס בײגעלמאן איז געװען דער ערשטער דאָ אין פאנאמא, װאָס האָט צוזאמען מיט אסתר אלטמאן גערופן די ערשטע פארזאמלונג אף צו גרינדן דעם ײדישן צענטר, בעניפיצענציא. אויך גענומען א טיכטיקן און אקטיװן אנטײל. איך גלויב אז מיט זײן ארײנקומען אין אײער גרופע, האָט איר צוגעקראָגן א גוטן, טיכטיקן און ערנסטן מיטגליד. באגריסן מיר אים, און אײך, און האָפן, אז מיר װעלן הערן פון אײך גוטע גריסן.

שאָלעק און אסתר אלטמאן   פאנאמא

טײערער שלמה

סאיז א פרײד דיר צו װאונטשן געזונט, באפרידיקונג אין דײן װײטערן לעבן, צוזאמען מיט דײן פאמיליע, צו דײן 50 יאָריקן געבורטסטאָג.

לײביש

מײנע הארציקע װינטשן דיר יחיאל העפנער און דײן פאמיליע, צום געבורט פון דײן ערשט אײנ'קל.

די טאטע מאמע א גרינגע דערציאונג.

אײער פרײנדין רחל רײכענבערג   קאראקאס

מזל טוב אײך, ברידער און שװאָגער איטשע גרושעצקי, רעכל און יאנקעלע, צום געבורט פון אײער אײניקל און אײער טאָכטערס, שרה רבקהס תנאים פאָרגעקומען אין בוענאָס־אײרעס, זאָל אײך די צײט געבן געזונט און גליק און די גאנצע פאמיליע.

לאה, אלטער ציבולקיעװיטש און די קינדער, באראנקיללא

טייערע פריינט פרידא און משה
און מיינע קוזינען שלמה און שרה לאה, מיינע הארציקסטע מזל טוב
וואונטשן, צו דער חתונה פון אייערע קינדער בערל און דבורה.
דערלעבט פון זיי פיל נחת אין א וועלט פון שלום.

אייער לייביש

מיר באגריסן הארציק אונזערע פריינט אלטער ציבולקעוויטש מיט
זיין פרוי, צו דער חתונה פון זייער זון מיט מ. האָפמאן.
איר זאָלט דערלעבן פיל נחת פון זיי, אויך דעם יונגן פּאָרל, פיל גליק.

שאָלעק אסתר אלטמאן פאנאמא

מזל טוב אייך, פריינט גאָלדע און שיע כאבערמאן,
צו דער חתונה פון אייער זון ראכמילקע. האָט פון אים אסך נחת
און דעם יונגן פּאָרל ווינטשן מיר א גליקליך צוזאמענלעבן.

שרה שמואל טוכבראָך באָגאָטא קאָלאָמביא

מזל טוב אייך טייערע לאנדסלייט גאָלדע און שיע כאבערמאן,
צו דער חתונה פון אייער ליבן זון רחמיאל מיט פר. גרינפעלד, זאָל
די צייט אייך ברייננגען פיל נחת פון זיי.

זשעלעבאָווער קאָלאָניע אין באראנקיללא סעק. מ. ציבולקעוויטש

איך באגריס הארציק מיין פעטער שמעון און גנענדל זשעבראק,
צו דער חתונה פון זייער טעכטערל חוה אין סאנטאָס.
האָט פון איר פיל גליק און נחת. דעם יונגן פּאָרל, לאנגע יאָרן
פון צופרידנהייט און גליק.

שמעון באראן פאנאמא

אונזערע פריינט גאָלדע און שיע כאבערמאן
פיל געזונט און גליק וואונטשן, צו דער חתונה פון אייער ראכמילן,
זיינט געזונטע עלטערן און האָט פיל נחת פון אים און מאטעסן און
דעם יונגן פּאָרל וואונטשן מיר א צופרידן צוזאמענלעבן.

אייערע פריינט שפרה, שיע לאָטערשטיין און פאמיליע באָגאָטא

אונזערע טייערע פריינט גיטל און שיע יחסן, צו דער גראדואירונג
פון אייער טעכטערל הנהלע (האנעלע, ווי מיר פלעגן זי אמאָל רופן).
פיל נחת און גליק. אף דער חתונה וועלן מיר שוין זיין מיט אייך און
א הוליע טאָן פאר אלע צייטן, לאָמיר האָפן..

שאָלעק און אסתר אלטמאן פאנאמא

מיינע טייערע חיהלע, ישראל און רות'לע.
איך האָב נישט געקאָנט זיין מיט אייך און פרייען זיך צוזאמען ביי
רותעלעס 6 יאָריקן געבורטסטאָג, שיק איך אייך דערפאר מיינע הארציקע
וואונטשן און קישן. איך וועל עס זיך באמיהען אויסצובעסערן אין דער
צוקונפט, גיט רותעלען 6 גוטע קישן.

אייער לייביש

טײערער ראכמיל

צו דײן חתונה מיט פרײלין גרײנפעלד װאונטשן מיר דיר, אז אײער פארבינדונג זאָל אײך ברײנגען גליק און צופרידנהײט פאר אײך און פאר דער :אנצער װעלט.

זשעלעכאָװער קאָלאָניע אין באראנקיללא   סעק. מ. ציבולקעװיטש

אהארציקן פאר־געזונט משה בײטעלס טאָכטער מיטן מאן און פאמיליע צו זײער אָבפאָרן אין די שטאטן, פאָרט געזונט און לעבט דאָרט גליקליך

זשעלעכאָװער גרופע אין פאנאמא

מײנע הארציקסטע דאנקן מײנע פרײנט גרײן אין פילאדעלפיע, פאר דער הארציקע גאסטפרײנטליכקײט צו מיר בעת מײן זײן דאָרט.

אסתר אלטמאן   פאנאמא

אונזער הארציקן מזל טוב

צו דיר, אונזער קאָזין שלום האָכגעלערנטער און פרוי, צום געבורט פון אײער טאָכטערל זײט געזונטע עלטערן צו אײער געזונט קינד און האָט פון איר פיל נחת.

ישראל בראָן און פרוי און צירל בראָן, קאָסטא ריקא

סאיז א פארגעניגן פאר אונז

די זשעלעכאָװער פרויען־גרופע אין באראנקיללא צו װאונטשן מזל טוב אונזער פרעזידענטן גאָלדע כאבערמאן און איר מאן שיע, צו דער חתונה פון זײער טײערן זון ראכמיל מיט פר. גרײנפעלד.

דערלעבט פון זײ פיל נחת און זײט געזונטע עלטערן צו זײ

די פרויען־גרופע אין באראנקיללא

מײן הארציקן דאנק מײנע פלימעניקעס רויזע און בנימין װיער־זשביצקי, פאר דער הארציקע גאסט־פרײנטליכקײט צו מיר בעת מײן זײן דאָרט.

אסתר אלטמאן   פאנאמא

פיל געזונט און גליק װאונטשן

צו דיר ראכמיל און דײן פרוי צו אײער חתונה, זאָל אײער צוזאמענלעבן זײן א גליקליכעס און אײערע עלטערן זאָל האָבן פיל נחת פון אײך.

זשעלעכאָװער פרויען־גרופע אין באראנקיללא

אונזערע הארציקסטע גליק װאונטשן פאר אײך גאָלדע און שיע צו דער חתונה פון אײער ראכמילן, דערלעבט אסך נחת פון אײערע קינדער

אײערע פרײנט גאָלדע און זשערש לעװינסקי   באראנקיללא

טײערער שמעון און פרוי

מײנע בעסטע און הארציקסטע גליק װאונטשן צו דיר און דײן פרוי צו די תנאים פון אײער טאָכטער, האָט פון איר און פון די אנדערע פיל נחת און זײט געזונטע עלטערן צו זײ

לײביש

צוליב א פארזען, האָבן די נעמען פון אברהם פריעד פון ניו יארק און דזשעק מײסטער פון מילװאָקי פארפעלט אויף די אבאָנענטן ליסטע, זײ װעלן ארײן אין קומענדן נומער

אונזערע פרײנט גאָלדע און שיע כאבערמאן, אונזער הארציקן מזל־טוב צו דער חתונה פון אײער ראכמילן מיט פר. גרינפעלד, זײט געזונטע עלטערן צו זײ און האָט פון זײ פיל נחת.

אײערע פרײנט עװא און עליע ראָטערמאן

טײערע ראכמיל און פרוי

ס'איז א פארגעניגן פאר אונז אײך צו באגריסן צו אײער חתונה און װינטשן אײך, לאנגע יאָרן פון געזונט און גליק אין אײער צוזאמענלעבן.

אײערע פרײנט   עװא און עליע ראָטערמאן

פײװל ראָטשטײן ע״ה טויט

פון קאלגארי (קאנאדא) האָבן מיר דערהאלטן די דערשיטערנדע ידיעה װעגן פריצײטיקן טויט פון אונזער פרײנט דער אײדעם פון י.מ. הײסנבערג און דער מאן פון גנענדל, הײסנבערגס עלטסטע טאָכטער, פאריתומדיק די פרוי מיט צװײ קינדערלעך.

שװער, זײער שװער פאר װעמען װאָס האָט געקאָנט דאָס אײדלקײט אין רײדן, שרײבן און באנעמען זאכן פון אונזער פארשטאָרבענעם פרײנט שױן איצט, אזוי פרי נאָך זײן פלוצלינגן טויט, אָבצושאצן װאָס דער מענטש האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

דורכגעמאכט מיט זײן פרוי און קינדערלעך אלע מלחמה און נאָך־מלחמה גלגולים, געהאָפט פאר דער צײט צו האָבן אן אײגן װינקל פאר זיך און דער פאמיליע, ענדליך געקומען אין קאנאדא און װי פריש געקומענע אָנגעהױבן זיך שװערליך, אָבער מיט פרײד זיך אײנאָרדנען. פײװל האָט געארבעט אלס לערער אין די שלום עליכם קינדער שולן, װאו ער האָט זיך באליבט געמאכט בײ די עלטערן און קינדער.

אלץ האָט אָנגעהױבן אױסזעען אזוי שײן, ביסלעכװײז װעט מען קומען צו זיך

מיט עטליכע מאָנאטן צוריק האָט גנענדל דורכגעמאכט א קראנקהײט װאָס האָט געמוזט װירקן אויף. דעם אזוי צארטן מיטפילנדן מענטש אלץ האָט זיך צוזאמענגעקליבן, די איבערלעבונגען פון דער גאנצער צײט מיטן לעצטן און דאָס אײדעלע הארץ האָט קוים געקאָנט אױסהאלטן און מהאָט אים געמוזט נעמען אין שפיטאָל װאו ער האָט א געװיסע צײט געשװעבט צװישן לעבן און טויט, און װען אלץ האָט זיך אָנגעהױבן ארױסװײזן בעסער, האָט דער שרעקליכער טויט געמאכט א סוף צו זײן יונג לעבן, שטארבענדיק אין שפיטאָל דעם 20טן מאי.

זײן פאריאָגטקײט אלס ײדישער לערער און די הױפּט זאך, נעמענדיק זײן ארבעט אזוי ערנסט, האָט אים נישט דערלויבט מער צו שרײבן פאר אונזער בולעטין, אָבער דעם בריף מיט דער אָפשאצונג װעגן אונזער בול, האָב איך פיל מאָל געלײענט און גענוצט אלס אָנװײזונג.

בײ א געלעגנהײט װעלן מיר געבן א גרעסערע אָפשאצונג װעגן פערזאָן פון פײװל ראָטשטײן, אויב עס קאָן מעגליך זײן װעלכע ס'איז טרײסט פאר זײן פרוי, טײלן מיר אין נאָמען פון אלע זשעלעכאָװער איבער דער װעלט איר צוטראָגן אָט די טרײסט איר האָט געהאט א גרויסן ערליכן מאן און טײערן פאָטער פון אײערע קינדער זײט שטאָלץ מיט זײן אָנדענק װעלכער איז בײ אונז אלעמען טײער.

אדרעסן פון אבאָנענטן

MIGUEL ZILBERKNOP,
RUE MARCHAL FLORIANO 67,
PELOTAS, BRASIL

A. ROTERMAN,
APARTADO 766,
COLON, REP. PANAMA

MR. CARLOS RENNERT,
APARTADO 3053,
PANAMA, REP. DE PANAMA

MR. A. IGLICKI,
SN. BERNARDINO, AV. FRANCISCO,
JAVIER UZTARIZ, ED.,
SN. VINCENTE, AP. 12.
CARACAS, VENEZUELA

MR. ABRAHAM FRIED,
1472 VYSE AVENUE,
BRONX, NEW YORK

MR. JOSE WEINBERG,
APARTADO 3375,
PANAMA, REP. DE PANAMA

MR. I. EISEN,
APARTADO 3255,
PANAMA, REP. DE PANAMA

MR. A. MOISES BESSER,
APARTADO 48,
DAVID, REP. PANAMA

MR. A. EISEN,
APARTADO 3255,
PANAMA, REP. DE PANAMA

MR. ARIEH LEDERMAN
RAMAT ITZCHAK,
POST OFFICE RAMAT GAN,
33 HATICHON STREET,
ISRAEL

MR. M. ISHTOF,
ZICHRON YAKOV ST. #4,
TEL-AVIV, ISRAEL

JOSE NIREMBERG SN. BERNARDINO,
AV. FRANCISCO JAVIER VANEZ,
QTA "ROSITA" CARACAS, VENEZUELA

MR. BEREK MANCHEL,
APARTADO 576,
COLON, REP. DE PANAMA

JOSEK MISZPUTEN,
AV. CAMPOS SALES, 66,
SANTOS, BRASIL

MR. J. IGLICKI,
POST OFFICE BOX 889,
COLON REP. DE PANAMA

G. OSHLACK,
322 INKERMAN STREET,
EAST ST. KILDA S. 16,
MELBOURNE, AUSTRALIA

SR. WOLF NAJMAN,
RUA DR. ZUQUIM 158, santana,
SAO PAULO, BRASIL

MR. J. BRON ,
APARTADO 1174,
SAN JOSE, COSTA RICA.

J. NAJSTETER,
238 CANNING STREET,
NORTH CARLTON,
MELBOURNE, AUSTRALIA

C. BORENSTEIN,
9/16 GLEBE STREET,
RANDWICK, SYDNEY,
N.S.W., AUSTRALIA

MR. S. BARAN, %S. ALTMAN,
HOWARD FIELD, P.O.BOX 17,
CANAL ZONE

MR. S. OSHLACK,
34 QUEENS RD., STANHILL,
MELBOURNE, AUSTRALIA

MORRIS "X" WEISS,
3849 GRENSHAW STREET,
CHICAGO 24, ILLINOIS,

RETURN POSTAGE GUARANTEED